# אויפגאנג

№ 5-6

חודש-זשורנאל

ארויסגעגעבן דורך דער יוגנט — אפטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן.




## מענדעלע מוכר ספרים

## צו זיין 30טן יארצייט

## 1947-1917

# אויפגאַנג

חודש-זשורנאַל אַרויסגעגעבן דורך דער יוגנט-אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן

№ 5-6 • 20.XII.1947

ה. שנער

## דער היסטאָרישער באַשלוס



די יידישע עפנטלעכקייט אין דער גאָרער וועלט געפינט זיך אונטער, איינדרוק פון היסטאָרישן באַשלוס אויף דער לעצטער סעסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, אַ באַשלוס, וועלכער דאַרף זיין אַן ענדערונג אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. אויף דער יידישער גאַס הערשט אַ געהויבענע שטימונג פול מיט האָפענונגען און פרייד. די העכסטע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטאַנץ, וואָס איז באַרופן, צו רעגולירן די באַציונגען צווישן פעלקער און פורעמען דעם פאָליטישן אויסזען פון דער וועלט, האָט באַשלאָסן צו שאַפן, אין אַ טייל פון ארץ־ישראל אַ יידישע מדינה. דאָס יידישע פאָלק זעט אין דעם דאָזיקן באַשלוס די באַשטעטיקונג פון זיינע אומבאַשטרייטבאַרע רעכט אויף אייגענער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט אין ארץ־ישראל, די אָנערקענונג פון פרינציפּ, אַז דאָס יידישע פאָלק קאָן און דאַרף באַקומען די מעגלעכקייט צו לעבן פריי און אומאָפּהענגיק, מיט אַנדערע פעלקער צוגלייך. די באַזונדערע וויכטיקייט פון דעם באַשלוס באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געקומען נישט מצד איין גרויסמאַכט, וועלכע האָט גראָד די ממשלה איבער לאַנד, נאָר ער טראָגט דעם חותם פון דער דעמאָקראַטישער אַלוועלטלעכער פעלקער-געמיינשאַפט. די יידישע מאַסן, פאַר וועלכע דער היסטאָרישער באַשלוס פון 29־טן נאָוועמבער איז אַ קוואַל פון נאַציאָנאַלער דערמוטיקונג, גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז די אַנטשיידונג איז געקומען פריער פאַר אַלץ אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער אַקטיוויטעט און אויסגעהאַלטענעם קאַמף פון די פאָלקס-דעמאָקראַטישע מלוכות, וואָס באַמיען זיך צו פאַרוואַנדלען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער אין אַ ווירקזאַמען אינסטרומענט פון צווישנפעלקערלעכן יושר און אינטערנאַציאָנאַלן שלום. דער היסטאָרישער באַשלוס פון לייק-סוקסעס, וואָס גיט אַ מאָראַלישע סאַטיספאַקציע אונזערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס איז גלייכצייטיק אַ פּאָליטישער נצחון פון די באמת־דעמאָקראַטישע כוחות אין דער וועלט. די שטעלונג פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות מיט פוילן און ראַטנפאַרבאַנד בראש, זייערע ענערגישע באַמיונגען דורכצוזעצן אַ גערעכטע לייזונג פון א״י־פּראָבלעם, איז אַ באַווייז פון טיפער פאַרשטענדעניש פאַר די ליידן פון שווער - געפּרוּווטן יידישן פאָלק, פאַר די געפאַרן וואָס לויערן אויף אים נאָך איצט, אַ באַווייז פון פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר אונזערע היסטאָרישע תביעות צו ארץ - ישראל; אַ סימן פון געהעריקער אָפּשאַצונג פון יידישן ווערק אין ארץ־ישראל. דער פאַקט, וואָס די באַשטעטיקונג פון אונזערע מלוכהשע רעכט אין א״י איז געקומען אַ דאַנק דער ענערגישער מיטהילף פון די אויפריכטיק־דעמאָקראַטישע מלוכות, איז פאַר אונז דער בולטסטער באַווייז, אַז די צוקונפט פון אונזער פאָלק, אונזער נאַציאָנאַלער אויפבוי און דער גורל פון אונזער רענעסאַנס — זיינען אומצעררייסבאַר פאַרבונדן מיטן לאַגער פון שלום און דעמאָקראַטיע.

די באַרעכטיקטע פרייד, מיט וועלכער דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און אויך דער יידישער קיבוץ אין פוילן האָט אויפגענומען דעם היסטאָרישן באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער, טאָר נישט פאַרשטעלן פאַר אונז דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער פּאָליטישער אַקט איז נישט די קרוינונג פון אונזער נאַציאָנאַל אויפבויווערק נאָר אַן עטאַפּ אין קאַמף פון פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן און זיכערן קיום. די לייזונג פון א״י-פּראָבלעם אויף דער סעסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס וועט אויטאָמאַטיש נישט פאַרענטפערן דעם גאַנצן קנויל פון אונזער נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק. זי שאַפט אָבער אַ געענדערטע פּאָליטישע לאַגע און אַ נייעם רעכטלעכן יסוד פאַר דער יידישער רענעסאַנס־באַוועגונג. צוויי דריטל פון די פאַראייניקטע פעלקער האָבן אָנערקענט, אַז דער איינציקער מעגלעכער וועג צו פאַרזיכערן די אומאָפּהענגיקייט פון ארץ־ישראל און באַפרייען די גערעכטע מלוכהשע שטרעבונגען פון יידישן פאָלק, נישט פאַרלעצנדיק דערביי די רעכט פון די אַראַבער און די פרינציפּ פון פעלקער־גלייכהייט, איז די טיילונג פון לאַנד. אומאָפּהענגיק פון אונזער באַציונג צו דער חלוקה, ווי אַ מיטל צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון צוזאַמענלעבן פון צוויי פעלקער אין ארץ־ישראל, פאַרשטייען מיר, אַז דער קאַמף וועט איצט גיין פאַר אַזאַ רעאַליזירונג פון באַשלוס, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן צו לייגן די יסודות פון יידישער מלוכהשקייט אין ארץ־ישראל און פאַרזיכערן, אַז די יידישע מלוכה זאָל זיין בכוח צו לייזן דעם פּראָבלעם פון יידישער היימלאָזיקייט.

דער באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער מאַכט, ענדלעך, אַ סוף צום בריטישן מאַנדאַט, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטל פון דער ענגלישער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק און האָט נישט דערלאָזן צו אַ יושרדיקער לייזונג פון קאָמפּליצירטן ארץ־ישראל-פּראָבלעם. דער באַשלוס שאַפט אָפּ דעם שענדלעכן רעזשים פון „ווייס-בוך", וואָס האָט אונז געבראַכט אַזוי פיל אומגליקן און שטאַרק געפּענטעט די אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. מיט די באַשלוסן פון לייק־סוקסעס איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו נעמען דעם גורל פון לאַנד אין יידישע הענט, און דער דאָזיקער שאַנס דאַרף אויסגענוצט ווערן אין אָנשפּאַר אויף די אויפריכטיק דעמאָקראַטישע כוחות און אין ערשטער ריי אויף די יידישע ישובים אין גאָר דער וועלט.

עס וואָלט געווען נאַאיוו צו קלויבן, אַז ענגלאַנד וועט אַזוי לייכט זיך אָפּזאָגן פון אירע אימפּעריאַליסטישע אייגננוציקע אינטערעסן און פאַרלאָזן ארץ־ישראל. דער פּראָגרעסיווער כאַראַקטער פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל שטערט איר צו הערשן אין גאַנצן אַראַבישן מזרח און אויסנוצן אים ווי אַ שפּרונג-ברעט אין קרייצצוג קעגן די אויפגעוואַקסטע פאָלקס - דעמאָקראַטישע מלוכות און קעגן ראַטנפאַרבאַנד. עס איז קלאָר, אַז די בריטישע אַדמיניסטראַציע באַמיט זיך צו פאַרוויקלען דעם יידישן ישוב אין ארץ-ישראל אין אַ בלוטיקן קאָנפליקט מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין לאַנד און די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער. אין דער גאַנצער צייט פון דער בריטישער ממשלה אין א״י האָט זיך ענגלאַנד קאָנסעקווענט באַמיט צו פאַרסמען די באַציונגען צווישן יידן און אַראַבער און נישט דערלאָזט צו אַ יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג, און איצט ווילן די בריטישע אַגענטן דערטרינקען דאָס יידישע ארץ־ישראל, דאָס פרידלעכע ווערק פון דורות יידישע אַרבעטער, די האָפענונג פון מיליאָנען יידן, אין אַ בלוט־באָד פון אַ יידיש־אַראַבישער הייליקער מלחמה. דער יידישער ישוב אין א״י איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן עקזאַמען.

דער יידישער ישוב אין ארץ - ישראל איז אין דער ערשטער ריי דער אַרבעטער־קלאַס, די יוגנט פון דאָרף און שטאָט, געפינען זיך אין אַ מאָביליזאַציע־צושטאַנד. מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז אונזערע ברידער אין ארץ־ישראל וועט געלונגען נישט נאָר אָפּצושטויסן די אָנגריפן מצד דער אַראַבישער רעאַקציע, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דעם מופטי, ה טלערס אַגענט און קריגס־פאַרברעכער, וואָס געניסט פון דער פולער אונטערשטיצונג פון דעם בריטישן אימפּעריאַליזם, נאָר אויך פאַרזיכערן די קאָנטינואַיטעט פון דער קאָנסטרוקטיווער אויפבויאַרבעט, שאַפן די נויטיקע אויפנעם - מעגלעכקייטן פאַר די אַלע, וואָס ווילן און מוזן קומען אין ארץ-ישראל און לייגן אַ פעסטן יסוד פאַר אמתער יידיש־אַראַבישער צוזאַמענאַרבעט, אומאָפּהענגיק און טראָץ דער חלוקה, צום וווילז פון ביידע פעלקער. ווי אַן ענטפער אויף דעם שוואַרצן בונד צווישן די אַראַבישע רעאַקציאָנערן און די בריטישע אימפּעריאַליסטן דאַרף קומען אַ קאַמפס־בונד צווישן די יידישע און אַראַבישע פאָלקס־מאַסן. וואָס גיכער עס וועט פאַרקומען די פולע עוואַקואַציע פון די בריטישע מיליטערישע און ציווילע כוחות פון לאַנד, אַלץ גינסטיקער וועלן זיין די פּערספּעקטיוון פון אַזאַ פאַרשטענדיקונג, אַלץ גרעסער וועלן ווערן די שאַנסן צו פאַרוואַנדלען אונזערע האָפענונגען אין אַ קאָנקרעטער ווירקלעכקייט.

# ארץ־ישראל

**(געאָגראַפישע ידיעות צונויפגעשטעלט פון יהודה זילבערמאַן)**

ארץ־ישראל געפינט זיך אין דרום־מערב־טייל פון אַזיע, אויף די מזרח-ברעגן פון מיטל־לענדישן ים, וועלכער בילדעט די מערב־גרענעץ פון לאַנד. די נאַטירלעכע מזרח־גרענעץ איז די אַראַבישע מדבר. אויף צפון גרענעצט א״י מיט



די יידישע קאָלאָניע מסדה

סיריע און לבנון (ליבאַן), און אויף דרום מיט מצרים (עגיפּטן) און דעם רויטן ים. דער שטח פון ארץ־ישראל אין די מאַנדאַט־גרענעצן באַטרעפט 27.009 קוואַדראַט קילאָמעטער (ד. ה. אַביסל קלענער פון בעלגיע אָדער אַלבאַניע — 30.000 קוו. קמ.). אין 1924 יאָר האָט טשערטשילס ווייס-בוך אָפּגעטיילט פון א״י דער עבר הירדן (טראַנסיאָרדאַניע) מיט אַ שטח פון 90.000 קוו. קמ. זייט דעמלט בילדעט דער טייך ירדן, די מזרח־גרענעץ פון לאַנד.

לויט דעם לעצטן באַשלוס פון די „פאַראייניקטע פעלקער" וועגן דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל אויף 2 מלוכות, באַקומט די יידישע מדינה אַ טעריטאָריע פון העכער 16 טויזנט קוו. קמ. די נישט גרויסע טעריטאָריע פון א״י פאַרמאָגט אָבער פאַרשידענע לאַנדשאַפטן פון פאַרשידנאַרטיקע קלימאַטן.

די באַפעלקערונג פון א״י באַשטייט פון העכער 2 מיליאָן נפשות, דערפון בערך 700.000 יידן, העכער 100.000 קריסטן און 1.200.000 אַראַבער. די דורכשניטלעכע צאָל איינוואוינער אויף 1 קוו. קמ. באַטרעפט 85 מענטשן.

דאָס גאַנצע לאַנד קאָן מען איינטיילן אין 5 פאַראַלעלע געאָגראַפישע סטרעפעס: 1. דער ים־ברעג, 2) די סטרעפע פון טאָלן ביים ים און צווישן די בערג, 3. די סטרעפע פון בערג, 4. דער ירדן־טאָל און די וואַסערן, 5. דער נגב.

## דער ים-ברעג (חוף הים)

דער ים־ברעג ציט זיך אין אַ שמאָלן פּאַס לענגאויס דעם מיטללענדישן ים (ים התיכון). דאָס איז אַ זאַמדיקער באָדן, וועלכער גייט איבער ערטערווייז אין זאַמדיקע בערגלעך. די פאַרפלאַנצטע יוקאַליפּטוס ביימער פאַרהאַלטן דעם זאַמד, וועלכער איז מיט דער צייט פאַרשטיינערט געוואָרן. אויף דעם באָדן האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין 1909 די יידישע שטאָט תל־אביב.

ביי דעם ים-ברעג האָט מען געגרינדעט פיל יידישע פישער־דערפער און מאַטראָסן-שולן. ביי תל־אביב ליגט די אוראַלטע פאָרט־שטאָט יפו, מיט אַן אַראַבישער באַפעלקערונג, וועלכע איז לעצטנס אויסגעטיילט געוואָרן פון דער יידישער מדינה. אין אַלגעמיין איז דער ברעג שוואַך אַנטוויקלט, חוץ ביי חיפה, ווו ער שאַפט אַ נאַטירלעכע בוכטע. אין 1905 האָט זיך אָנגעהויבן בויען דעם חיפהער פּאָרט. כמעט דער גאַנצער ים-ברעג גייט אַריין אין דער יידישער מדינה, חוץ אַ שמאָלן פּאַס אויף דרום ביי עזה און אויף צפון פון דער אוראַלטער פּאָרט־שטאָט עכו.

## די טאָלן

פאַראַלעל צום ים־ברעג ציט זיך אַ גרויסער פּאַס טאָלן א. נ. שפלת הים, וועלכע ברייטערט זיך אויס אויף דרום און דערגייט ביי עזה צו אַ ברייט פון 25 קמ. זיי פאַרנעמען אַ טעריטאָריע פון העכער 3000 קוו. קמ., פון וועלכע בערך 2000 קוו. קמ. גייען אַריין אין דער יידישער מדינה. דאָס איז היינט די אַממייסטן באַוווינטע טעריטאָריע, מיט 830.000 איינוואוינער, דערפון העכער אַ העלפט יידן. דער באָדן איז דאָ זייער אַ פרוכטבאַרער, מיט אַ סך נישט טיפע וואַסער־קוואַלן און איינציקע טייכן. די לאַנדווירטשאַפטן זיינען דאָ פרעכטיק אַנטוויקלט. די גרעסטע טייל ציטרוס-פלאַנצונגען פון די פרדסים, איבערהויפּט פּאָמעראַנצן, גייען אויף עקספּאָרט.

די טאָלן טיילן זיך אויף א. שפלת יהודה (פון עזה ביז יפו), ב. השרון (צווישן יפו און



יידישע קאָלאָניע גניגר

חיפה), ג. עמק זבולון מיט שפלת עכו (פון חיפה ביז דער צפון גרענעץ) און ד. עמק יזרעאל (צווישן דעם גליל און שומרון-בערג). אין די לעצטע 30 יאָר זיינען דאָ געשאַפן געוואָרן 185 יידישע ישובים, פון דער אַלגעמיינער צאָל 330 אין גאַנצן לאַנד, ווי אויך איינציקע שטעט. אין יהודה-טאָל געפינט זיך די גרויסע יידישע שטאָט תל-אביב, מיט בערך 200.000 יידן, איינע פון די שענסטע און מאָדערנסטע שטעט אין דער וועלט. דאָ זיינען פאַראַן פיל שולן (קונסט, ים, מאַשין-בוי א. אַנד.), געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פאַבריקן און אינדוסטריע-אונטערנעמונגען. אין די 30-קער יאָרן האָט זיך דאָ אָנגעהויבן בויען אַ גרויסער יידישער פּאָרט מיט אַן אייגענעם פּלאַץ.

אין עמק זבולון געפינט זיך דער וויכטיקסטער פּאָרט אין גאַנצן מזרח — חיפה מיט 142.000 איינוואוינער, פון וועלכע די גרעסערע העלפט זיינען יידן. דאָ אַנטוויקלט זיך גוט די שווערע און לייכטע אינדוסטריע מיט גיסערייען, גרויסע נאַפט-ראַפינעריעס, טעקסטיל, כעמישע, מעטאַל-פאַבריקן א. אַנד. צוזאַמען איבער 60 פאַבריקן. חיפה איז אויך אַ קולטורעלער צענטער מיט אַ פּאָליטעכניקום, הויכשולן פאַר בוי- און מאַשין-אינדוסטריע, ים-שול א. אַנד. אויך אין שרון-טאָל, וועלכע איז צוזאַמען מיטן עמק יזרעאל דער תבואה-שפּייכלער פון לאַנד, אַנטשטייען פאַרשידענע צווייגן פון אינדוסטריע. דורך דעם, מיט 25 יאָר צוריק אויפגעלעבטן יזרעאל-טאָל מיט אַ סך בליענדיקע ווייַנגערטנער גייען דורך די נאַפט-רערן פון מאָסול קיין חיפה און אויך וויכטיקע שאָסייען און באַן-ליניעס, וועלכע פאַרבונדן דאָס לאַנד מיטן גאַנצן מזרח.

## דער ירדן־טאָל און די וואַסערן

אַלע וואַסערן פון א״י פאַרנעמען אַ שטח פון 704 קוו. קמ., דערפון דער ים־המלח — 506, דער ים־כנרת — 165 און דער ים־חולה — 14 קוו. קמ. די אַלע ימים, וועלכע זיינען פאַקטיש גרויסע אָזיערעס, זיינען פאַראייניקט דורך דעם גרעסטן טייך אין לאַנד, מיט דעם ירדן, אַרום




די גרענעצן פון דער צוקונפטיקער יידישער מדינה



איינע פון די באַליבטסטע גאַסן אין תל-אביב

וועלכן עס ליגט דער ירדן-טאָל מיט אַ שטח פון 1620 קוו. קמ. דער ירדן שטראָמט דעם גאַנצן וועג באַרג אַראָפּ, שאַפנדיק מעגלעכקייטן צו בויען הידראָ-עלעקטראָ־סטאַציעס. אַזוי איז אין די 20־ער יאָרן אַנטשטאַנען רוטענבערגס עלעקטראָ - סטאַציע אויף דעם אָרט, ווו דער ירמוק פאַלט אַריין אין ירדן.

דער ירדן נעמט זיך אָנהויב פון 3 טייכלעך: דן, חצבני און באַניאַס, וועלכע פליסן אַרויס פון באַרג חרמון אויף אַ הויך פון 2000 מעטער. אין דער געגנט זיינען אַנטשטאַנען 10 ישובים מיט 2500 יידן, די א. ג. מצודת אוסישקין. דערנאָך שווימט דער ירדן דורך די אָזיערע חולה (2 מ. איבערן ים-פלאַך) וועלכע ליגט אין אַ ומפּ־קער געגנט פון 20 קוו. קמ. ווייטער פליסט ער דורך דער גרויסער אָזיערע כנרת. אַרום וועלכער עס געפינען זיך 27 ישובים מיט 9000 יידן. די ערד איז דאָ זייער אַ פרוכטבאַרע. אויף דעם כנרת־ברעג אין אַ דעפּרעסיע פון 200 — מעטער, ליגט די אוראַלטע שטאָט טבריה מיט אירע הייסע מינעראַל קוואַלן. דורכשווימענדיק דעם פרוכטבאַרן עמק בית־שאן מיט זיינע 12 ישובים גייט דער ירדן אַרויס פון דער יידישער מדינה, פליסט ווייטער אין דעם הייסן ירדן־טאָל און פאַלט אַריין אין דעם ים-המלח, אָדער א. ג. טויטן ים. דאָ דערגייט די דעפּרעסיע ביז 400— מעטער אונטער דעם ים־פלאַך. דאָס איז דאָס נידעריקסטע אָרט אין דער וועלט, מיט גרויסע טראָפּיקאַלישע היצן.

די דרום־ברעג פון ים-המלח בלייבן אין דער יידישער טעריטאָריע. דער ים-המלח אַנטהאַלט אַ גרויסע צאָל זאַלץ און מינעראַלן, וועלכע דערגייען ביז 27 פּראָצענט (אין נאָרמאַלע וואַסערן 2—4 פר.). דעריבער לעבן דאָרט נישט קיין שום באַשעפענישן. זייט דעם 1925 יאָר ווערן די רייכטימער פון ים־המלח עקספּלאָאַטירט און מען באַקומט פון דאָרט אַרויס אַזעלכע וויכטיקע רוי-שטאָפן, ווי: פּאָטאַש (קינסטלעכע באַמיסטיקונג), יאָד, בראָם, כלאָר, פאָספאָר, מאַנגאַן א. אַז. וו. די אוצרות פון ים־המלח אַליין קאָנען דעקן דעם בודזשעט פון דער יידישער מדינה במשך פון עטלעכע הונדערט יאָר.

## דער נגב

אין דרום פון א״י געפינט זיך אַ גרויסע טעריטאָריע פון 12.577 קוו. קמ. מיט אַ מדבר־כאַראַקטער, וועלכע פאַרמאָגט אָבער אויך פרוכטבאַרע געביטן. ביים מיטללענדישן ים בילדעט דער נגב אַ טאָל (שפלת הנגב), די מיטע-



מיט ברען בויט מען די נייע קאָלאָניע

לע, מדבר-טייל, גרענעצט זיך מיט דעם וויסטן האַלב-אינזל סני און ציט זיך ביז צום רויטן ים (ים־סוף) ביי דער בוכטע און פּאָרט עקבה, די בערגיקע געגנט ליגט ביים ים־המלח. אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דאָס געווען אַ געדיכט־באַוווינטע פרוכטבאַרע געגנט, מיט קאָמוניקאַציע-וועגן, דערפער און שטעט, פון וועלכע היינט עקזיסטירן נאָר באר־שבע און ע.ה. מיט אַן אַראַבישער באַפעלקערונג. דער רוב איינוווינער זיינען דאָ וואַנדערנדיקע בעדואינער שבטים (75.000 מאַן), וועלכע לעבן פון פי־צוכט. אין 1943 האָבן אונזערע חלוצים אָנגעהויבן קאָלאָניזירן דעם נגב און ביז היינט עקזיסטירן שוין דאָרט בערך 30 ישובים, וועלכע רעאַליזירן די באַוואַסערונגס־פּלענער (צוו. אַנד. פון באַרימטן אַמעריקאַנער באָדן־קענער פּראָפ. לוידערמילק), זאַמלענדיק די וואַסערן פון די זעלטענע אָבער שטאַרקע רעגנס. לעצטנס זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן ווייטער-רערן פון ירדן.

כמעט דער גאַנצער נגב מיט דעם וויכטיקן פּאָרט עכו געהערן צו דער יידישער מדינה.



אַרבעטער - קוואַרטאַלן אין תל־אביב

# רעזאָלוציע פון צ. ק. פון יידן אין פוילן

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, די רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן ישוב, נעמט אויף מיט דער גרעסטער פרייד, דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער לעצטער סעסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער צו שאַפן אין אַ טייל פון ארץ־ישראל אַ יידישע מלוכה

אין דעם דאָזיקן באַשלוס, וואָס שאַפט אָפּ דעם בריטישן מאַנדאַט און דעם אָקופּאַנטישן בעווין־רעזשים און אַנערקענט אין פּרינציפּ די מלוכהשע אַספּיראַציעס פון ביידע פעלקער, זעען מיר אַ באַשטעטיקונג פון די אומשטרייטבאַרע רעכט פון יידישן פאָלק אויף אייגענער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט אין ארץ־ישראל.

מיט דער טיפסטער דאַנקבאַרקייט פאַרצייכענען מיר דעם פאַקט, וואָס די גרעסטע און פרוכטבאַרסטע הילף פאַר דער גערעכטער לייזונג פון א״י־פּראָבלעם האָבן אַרויסגעוויזן די פאָרשטייער פון דער פוילישער רעגירונג, די פאָרשטייער פון אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות מיטן ראַטנפאַרבאַנד בראש. זייער ענערגישע שטעלונג, וועלכע איז געבויט אויף די פּרינציפּן פון עכטער דעמאָקראַטיע און פון אַנערקענען די רעכט פון פעלקער אויף זעלבשטענדיקייט איז אַן אויסדרוק פון פאַרשטענדעניש פאַר די ליידן פון שווער געפּרוווטן יידישן פאָלק, פאַר זיינע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

די דאָזיקע שטעלונג איז דער בולטסטער באַווייז פאַר, גאַנצן יידישן פאָלק, אַז זיין גורל און דער פולער נאַציאָנאַלער אויפבלי איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט די כוחות פון פּראָגרעס און שלום, מיטן קאַמף קעגן די אימפּעריאַליסטישע מלחמה־העצער.

דער צ. ק. פון די יידן אין פוילן דריקט אויס די האָפענונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, אַז דעם יידישן ישוב אין א״י וועט געלונגען ביי דער פולער מיטהילף פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט, פון די יידישע ישובים אין דער ערשטער ריי, נישט געקוקט אויף די בלוטיקע פּראָוואָקאַציעס מצד דער אַראַבישער רעאַקציע, וואָס געניסט פון דער פולער אונטערשטיצונג פון ענגלישן אימפּעריאַליזם — לייגן דעם פונדאַמענט פון דער יידישער מלוכהשקייט אין ארץ־ישראל, אינם ענגסטן בונד מיט די פרייהייטס־ליבנדיקע פעלקער און אין גייסט פון עכטער דעמאָקראַטיע, פעלקער-פריינטשאַפט און צוזאַמענאַרבעט מיט די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן. שטייענדיק אינגאַנצן אויף דער זייט פון דער דעמאָקראַטישער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ארץ־ישראל, אָפּשאַצנדיק אין דער פולער מאָס די גרויסע און שווערע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר איר, שיקן מיר איבער אונזערע ברידער אין ארץ־ישראל אין נאָמען פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן ישוב אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן אונזער פלאַמיקסטן גרוס.



ליאָוואָ בורסוק, העלדיש אומגעקומען פּאַרטיידיקנדיק דעם כבוד פון אונזער פאָלק.

(סוף פון זייט 5)

דאָס עסן. רעד איבער מיט דער אינטעדאַנטור וועגן צושטעלן ווארעמע שפּייז.

קאַראַל איז קאָמענדאַנט און באַלעבאָס. ער זאָרגט וועגן אַלץ און זיינע באַפעלן זיינען אַזעלכע לאָגישע און גערעכטע, אַז מען איז זיכער, זיי וועלן אויסגעפירט ווערן.

עס איז שוין שטאַרק פינצטער. דער באַרג אַראָפּ איז פארענדיקט. פונווייטנס באַשיסט שטאַרק די פאשיסטישע אַרטילעריע, זי צילט צום וועג, דורך וועלכן מען דאַרף אַדורכגיין.

דאָס איז נישט קיין קאַמף, באַקלאָגט זיך קאַראַל, דאָס איז נאָר שפּיל אין מלחמה. איך וואַרט מיט אומגעדולד, ווען מיר, די באָטווינצעס וועלן ארויסגיין אין אמתן קאַמף. זיינע אויגן לייכטן אין דער פינצטער.

ער האָט נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן.

* * *

מערץ 1938. אַ לאַנגער צוג פירט אַריבער די דאָמבראָווסקי בריגאַדע פון אַראַגאָן צום עקסטרעמען דרום, צו עסטראַמאַדורא.

אינמיטן וועג ליגט אַלבאַצעטא — די באַזע פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. קאַראַל איז פריילעך געשטימט.

— ענדלעך זיך דערוואַרט — שיינען זיינע אויגן — מיר האָבן אַ וואונדערבאַרע קאָמפּאַניע. עס זיינען צוגעקומען צענדליקער נאָר וואָס אָנגעקומענע חברים פון פוילן, פראַנקרייך און פאַלעסטינע. איר וועט זען, ווי די באָטווינצעס וועלן זיך שלאָגן! איך גאַראַנטיר פאַר זיי.

נישט לאַנג געוואַרט. נישט באַוויזן אָנצוקומען אויפן אָרט, ווו די בריגאַדע האָט זיך פאַרמירט, און איז איבערגעגאַנגען אין אַנגריף.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן די דאָמבראָווּשטשיקעס געשטורעמט דעם שונאס פּאָזיציעס און פאַרנומען די וויכטיקע הויכן. די באָטווין־קאָמפּאַניע פאַרנעמט אין שטורמישן אַנגריף די פאַמע אַרויסגערוקטע פּאָזיציע. פאַרשכורט פון נצחון רייסן זיך אַרויס עטלעכע באָטווינצעס פאָרויס, זונדערן זיך אָפּ פון דער קאָמפּאַניע און באַמערקן נישט ווי זיי ווערן פּלוצים ארומגערינגלט פון דער מאַראָקאַנער פראַנקאַ־קאַוואַלעריע. דער וועג צוריק איז אָפּגעשלאָסן.

זיי זיינען געווען זייער ווייניק קעגן דער געוואַלטיקער איבערמאַכט. דעמלט האָט אַ יונגער באָטווינעץ פון פאַלעסטינע געזאָגט צו זיין יונגן חבר פון פוילן:

— מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן.

— מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן —.



חיים מאַצאַצקי פון וואַרשע,
איינער פון די יידישע העלדן אין שפּאַניע

האָט ווידערהאָלט דער צווייטער.

ביידע האָבן ארויסגענומען זייערע האַנטגראַנאַטן און רויק געוואַרט אויף דעם דערנענטערן זיך פון די מאַראָקאַנער; ווען די ווילדע רייטער זיינען שוין געווען האַרט נעבן זיי, האָבן זיי זיך אויפגעריסן צוזאַמען מיט די מאַראָקאַנער...

דאָס איז געווען דער גייסט פון קאַראַלס חברים, איינער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער שחיטה, איז געקומען צוריק כדי צו קאָנען פאַראייביקן דעם העלדנמוט פון צוויי באָטווינצעס.

די אָפענסיווע איז נישט געלונגען. די רעפּובליקאַנישע אַרטילעריע איז נישט געקומען צו דער צייט. אינדערפרי זיינען די פאשיסטן געקומען צו זיך און געעפנט אַ מערדערישן פייער אויף די ניי דעראָבערטע פּאָזיציעס. עס האָט געדראָט מיט ארומרינגלען. נאָכמיטאָג איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל צוריקצוטרעטן.

די באָטווין־קאָמפּאַניע, האָט געדעקט דעם צוריקטריט, זי איז געשטאַנען אויף אירע ארויסגערוקטע פּאָזיציעס, אָפּשלאָגנדיק איין פאַשיסטישע רייטער־אַטאַקע נאָך דער אַנדערער. פאַרנאַכט האָט דער שטאַב באַפוילן די באָטווין קאָמפּאַניע צוריקצוטרעטן. נאָר קאַראַל האָט דעם דאָזיקן באַפעל נישט באַקומען. די צוויי פאַרבינדלער, וועלכע מען האָט געשיקט איינעם נאָכן אַנדערן צו דער באָטוויז־קאָמפּאַניע מיט דעם דאָזיקן באַפעל, זיינען נישט דערגאַנגען.

קאַראַל מיט זיין קאָמפּאַניע בלייבט אויף זיין פּאָסטן. זיי פאַלן אין די צענדליקער, זיי טרעטן אָבער נישט אָפּ. דער שונא וועט נישט אַדורכגיין...

ענדלעך דערגייט צו דער קאָמפּאַניע דער באַפעל פון צוריקטריט. קאַראַל בלייבט דער לעצטער, ער דעקט דעם צוריקטריט פון זיינע חברים. ער, דער קאָמענדאַנט, טראַכט נישט פון זיך. ער איז שוין איינער אליין, אַלע זיינען אַדורך דאָס געפערלעכע פייער פון שונא. מען קאָן שוין פאַרלאָזן דעם אָנגעטרויטן פּאָסטן. דער לעצטער לעבנס־לויף פון יונגן העלד — אַ קויל שניידט אומברחמנותדיק איבער דאָס יונגע, פראַכטפולע לעבן.

נישטאָ מער דער ערשטער קאָמענדאַנט פון דער באָטוויז־קאָמפּאַניע. צוריקברענגען די לעבנגעבליבענע באָטווינצעס איז באַשערט געווען דעם ערשטן קאָמיסאַר פון דער באָטווין־קאָמפּאַניע, ח' שיר, איצטיקער געהילף־מיניסטער פון אינדוסטריע און האַנדל.



יוזשעק מזל פון ווילנע, געפאַלן העלדיש בייַם צוריקציען די פריוויליקע פון פראָנט




ארגאַן פון דער יידישער קאָמפּאַניע א.נ. פון נאַפטאַלי באָטווין

3 נאָוועמבער 1938 | נומער 5 | קאַטאַלאָניע

משה הנאפּהיים

פראַגמענט פון דער אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „לבנה-קריכער"

# דאָס חנוכה־לעמפּל

אונזער שטוב איז – אין שטורעם אַ שיף,
אָט וועט אונז אַ כוואַליע פאַרדעקן
און מיר וועלן איינזינקען טיף
אין ים פון פּיינען און שרעקן.

מיר הערן טריט אויף די טרעפּ,
די מאַמע שטייט בלייך, ווי פאַרשטאָנט.
די טיר ווערט באַוואָרפן מיט קלעפּ,
מיט זידל־ און שמוץ־רייד באַשאָטן.

דער טאַטע עפנט די טיר
דון בלייבט ווי פאַרגליווערט, ווי אייז – ער...
פיר דייטשן און איין אָפיציר
זאַרפּולן די שטוב מיט געפייזער.

זיי נעמען אַראָפּ פון עם טיש
די זילבערנע שבת־לייכטער.
די מאַמע קוקט־צו ווי צעמישט
און דריקט זיך צום בעט אַ פאַרבלייכטע.

דאָס איז דאָך איר דרשה־געשאַנק. .
זיי נעמען עס צו. – ס'איז נישט מעגלעך,
זיי רייסן פאַנאַנדער די שאַנק,
די מאַמע שטייט אַלץ אומבאַוועגלעך.

דאָס חנוכה־לעמפּל פון וואַנט
זיי נעמען אַראָפּ און באַטאַפּן
עס פאָרזיכטיק, גלייך ס'וואָלט געפלאַמט:
– דאָס איזט ביי אונז ניכט צו האָבן.

זיי רופן דעם טאַטן מיט כעס,
ר'זאָל זאָגן וואָס פאַראַ געווער ס'איז:
– זאַגן זי מאַל, וואַס איזט דאַס?
דער טאַטע זאָגט סתם: – ס'איז פון פּערסיע...

די דייטשן קוקן מיט חשד
אויפן טאַטן און דאָ, אויפן שטעמפּל.
– דאַס האַט נאָך מיין זיידע געהאַט...
דאַס איזט איין חנוכה־לעמפּל.

זיי קוקן נאָך אַלץ מיט פאַרדאַכט,
דאָס לעמפּל געפעלט זיי – איז קענטיק –
די שורה מיט שפּאָרעלעך אַכט,
די צווייגלעך, די גאָלד־אָרנאַמענטיק...

ווען ס'וואָלט – אָנשטאָט אייל – דינאַמיט
געווען אין די שפּאָרערס אוי, מאַמע!
די לאָמפּ וואָלט צעריסן זיך מיט
די דייטשן די פיר דאָ צוזאַמען

דאָס טראַכט איך באַהאַלטענערהייט,
דאָס טראַכט אויך דער טאַטע, די מאַמע..
איין דייטש כאַפּט און טרעט עס צעשטרייט..
ער טראַכט אויך דאָס זעלבע מסתמא.

דער חנוכה־לאָמפּ איז באַשערט
צו טיילן דעם גורל דעם שווערן
פון פּראָסטן קופּער און מעש
פון קליאַמקעס, פון קראַנען און רערן.

מיר דאַכט זיך, די לאָמפּ ווערט טויט־בלייך,
ווי א מענטש אין די הענט פון די לצים.
זי שטיקט זיך אין זאַק־ענגשאַפט גלייך
מיט אַלע אומגליקלעכע חפצים.

עס אַרט נישט דעם טאַטן זיין פעלץ,
נאַר די חנוכה־לאָמפּ, וואָס זיי וועלן
פאַרוואַנדלען אין בליי־גאָס, אין שמעלץ –
ויף קוילן, אויף באָמבעס, שראַפּנעלן.

מיט פיבער, מיט פייכטלעכן גלאַנץ
דעם טאַטן די אויגן פאַרלויפן
און איך זע שוין דאָס פייער, וואָס טאַנצט
אומהיימלעך אין קאַלך־אויוון.

די חנוכה־לאָמפּ דאָרט גייט אויס
אין גרויסע יסורים און פּיינען.
פון פאַרדראָס, וואָס איך בין נאָך נישט גרויס
גלוסט זיך מיר אַזש צו וויינען.

---

וויט; און מעכטיקן רוים, נישט פאָרויסזעענדיק, נאַטירלעך, די ראָל, וואָס די רוימישע אימפּעריע וועט אין דער ווייטערדיקער תקופה שפּילן ביים ענדגילטיקן צורויבן ביי יודעאַ איר אומאָפּהענגיקייט. אָבער שוין אין די צייטן פון יוחנן הורקנוס קומען אויף די זוימען פון דער שפּעטערדיקער ירידה. צוזאַמען מיטן צוריקשטעלן און אויפבוי פון פּאָליטישן לעבן אין לאַנד צעפלאַקערט זיך אַ בירגער־קריג צווישן די צוויי הויפּט־פּאַרטייען, די פּרושים, וועלכע שטרעבן צו אַ טעאָקראַטישער הערשאַפט און צו באַגרענעצן די ייִדישע קולטור צו די ראַמען פון ייִדישן פאָלק, און די צדוקים, וועלכע שטעלן די מלוכה־אינטערעסן העכער פון אַלץ און ווילן אויסשפּרייטן די ייִדישע קולטור מיטן שווערד אין דער האַנט, ווילן אָנוואַרפן די ייִדישע רעליגיע די באַזיגטע שכנישע פעלקער, רעכענענדיק אַזוי אַרום זיי צו צעמענטירן און אַסימילירן מיטן ייִדישן פאָלק. די אינערלעכע קאַמפן ווערן נאָך שאַרפער בעת דער ממשלה פון אַלעקסאַנדער יאַנאַי. פאַר זײַנע זין הורקנוס דעם צווייטן און אַריסטאָבול דעם צווייטן ווערט דער בירגער־קריג געוואַלטיק פאַרשאַרפט, און די פּאַרטיי פון די פּרושים באַגייט דעם טראַגישן פעלער, וואָס זי לאַדט איין דעם רוימישן גרויסהערשער פון סיריע, פּאָמפּיי, צו אינטערווענירן אין די אינערלעכע ענינים פון יודעאַ. אויף אַזאַ געלעגנהייט האָבן די רוימער נאָר געוואַרט. און איצט הייבט זיך אָן דער אומגלייכער געראַנגל פון דער ייִדישער מלוכה קעגן מעכטיקן רוים, וועלכער פאַרמאָגט אין דעם ייִדישן לאַנד זײַנע טרײַע אַגענטן — דעם עדומייער אַנטיפּאַטער און זײַן זון הורדוס.

אָט אַזוי האָבן די קינדער פון אַלעקסאַנדער יאַנאַי און די פאַרשאַרפטע פּאַרטיי־קאַמפן צונישט־געמאַכט די גרויסע נצחונות פון די ערשטע העלדישע חשמונאים, וואָס האָבן געהאַט אויפן אויג נאָר און אויסשליסלעך דעם וווילזײַן פון פאָלק — אין קעגנזאַץ צו די לעצטע פון דער חשמונאישער דינאַסטיע, וועלכע האָבן געזאָרגט נאָר וועגן זייערע אייגענע קרוין־אינטערעסן.

די עפּאָכע פון די חשמונאים איז אָבער נישט בלויז די צייט פון טריומף פון דער ייִדישער שווערד, די צייט פון אויפבוי פון דער ייִדישער מלוכהשאַפט. דאָס איז אויך די צייט פון אויפשטייג פון ייִדישן גייסט, וואָס האָט גרויסע קולטור־ווערטן אין דער דאָזיקער תקופה אַרויסגעגעבן נישט בלויז אין יודעאַ, נאָר אויך אין די לענדער פון דער דעמלטיקער דיאַספּאָרע, קודם־כל אין דער גרעסטער שטאָט פון עגיפּטן, אַלעקסאַנדריע. דאָ איז געשאַפן געוואָרן די רײַכע ייִדיש־העלעניסטישע ליטעראַטור, דער גייסטיקער סינטעז פון דער ייִדישער עטיק און גריכישער פילאָזאָפיע, וואָס זײַן בעסטער אויסדריקער איז געווען דער ייִדישער דענקער און שרײַבער פון אַלעקסאַנדריע, ידידיה אָדער פילאָן. בעת אין יודעאַ האָט די צונויפטרעפונג פון דער ייִדישער און גריכישער וועלט־אַנשויונג אָנגענומען די שאַרפע, פײַנטלעכע פאָרמען פון קעגנזײַטיקן צוזאַמענשטויס און מלחמה, האָט זיך אין די לענדער פון דער דיאַספּאָרע אָט־די צונויפטרעפונג אויסגעדריקט — פאַרקערט — אין קעגנזײַטיקער דערנענטערונג און גייסטיקער צוזאַמענאַרבעט. פון יענער צייט שטאַמט די גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבל, די ערשטע איבערזעצונג פון דער תורה אין אַ פרעמדער שפּראַך, די אַזוי גערופענע „סעפּטואַגינטאַ". עס איז אין יענער עפּאָכע נישט געווען קיין ווידערשפּרוך און קיין קעגנזאַץ די אײַנצײַטיקע עקזיסטענץ פון אַן אומאָפּהענגיקער ייִדישער מלוכה און פון קולטור־שעפערישע ייִדישע ישובים מחוץ יודעאַ. עס איז געווען אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט צווישן די צוויי פאַקטאָרן אין דעמלטיקן ייִדישן לעבן. דעם אויפבוי פון יודעאַ אונטער דער הערשאַפט פון די ערשטע חשמונאים האָבן די ייִדן, די צעשפּרייטע איבער דער סיריש־פּערסיש־עגיפּטישער וועלט, אָנגענומען פאַר זייער אייגענעם אויפבוי. און דעם אונטערגאַנג פון דער חשמונאישער יודעאַ האָבן זיי ווייטיקלעך געשפּירט.

אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק איז די חשמונאישע עפּאָכע געבליבן ווי איינע פון די דערהויבנסטע צייטן, וואָס אונזער פאָלק האָט אַדורכגעלעבט.

### *פון רעדאַקציע*

מיט צופרידנקייט קאָנען מיר מודיע זיין אז מיר הייבן אָן דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן ייִדישער געשיכטע פון באַקאַנטן שרייבער ב. מ אַ ר ק אין יעדן נומער וועלן מיר ברענגען אַרטיקלען געשריבן ספּעציעל פאַרן „אויפגאַנג"

יצחק וואַרשאַווסקי

# יידישע קולטור און קונסט-געזעלשאַפט

## אַ נייע תקופה אין דעם לעבן פון יידישן ישוב אין פוילן

דער באַשלוס פון צ״ק פון די ידן אין פוילן צו שאַפן אין לאַנד אַ געזעלשאַפט פאַר ידישער קולטור און קונסט און פאַרוואַנדלען זי אין אַ מאַסן-אָרגאַניזאַציע מיט אַ פאַרצווייגטן קולטור־דערציערישן פּלאַן, ווייזט בולט, אַז אונזער ישוב שלאָגט וואָרצלען אין דער ירושה פון אַמאָליקן דריי און אַ האַלבן מיליאָניקן אימפּולסיוון ידישן לעבן.

ווי לאַנג איז עס אַדורך פון דער צייט, ווען אונזער הייפעלע ידן האָט זיך אָנגעהויבן צוריק איינלעבן אין דער פוילישער ערד?

געווען איז אויך צווישן ידן אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אויפשטעלן אַ ידיש לעבן אויף די חורבות פון אַמאָליקן פוילן. דער פוילישער ייד האָט אָבער באַוויזן גאָר אין אַ קורצער צייט צו פאַרהיילן די שרעקלעכע ווונדן און אָפּצווישן די מאָראַליש־פּסיכישע איבערבלייבענישן פון דער אָקופּאַציע־צייט. מיט ברען האָט מען זיך גענומען אויפבויען די חרובע היים און דווקא אויפן אָרט, ווו עס געפינען זיך די קברים פון די נאָענטסטע.

וואָס פאַראַ כוח האָט באַווירקט דעם פּוילישן ייד אין אַזאַ קורצער צייט אָנהויבן אויפבויען אַ נאָרמאַל ידיש לעבן מיט אַ נויטווענדיקייט פון ידישע ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן, ידיש טעאַטער, פאָרלעזונגען, דראַמ. קרייזן, פאָלקס־אוניווערזיטעטן א. אַ. וו.?

די סיבות פון אונזערע דערגרייכונגען און ממילא פון די אויסגעוואַקסענע באַדערפענישן זיינען קלאָר. דווקא דאָ, אויף דער טרויעריקער ערד, פילט זיך דער פוילישער ייד דער אמתער יורש פון דעם נייעם, וואָס בליט אויף אין דעם באַפרייטן פוילן; דאָ, ווו אונטער יעדער חורבה ליגט דער אַמאָל-לעבעדיקער ישוב, דאָ ווו אין דער לופטן שוועבט נאָך דער גסיסה־קרעכץ פון אונזערע ליבע. אָט דאָ טאַקע, האָט דער פוילישער ייד געפילט, אַז זיין מאָראַלישער און נאַציאָנאַלער חוב איז אויפצושטעלן אַ ידישן ישוב, דאָ אויפן אָרט פון זיין דורותדיקער צוגעבונדענקייט, צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן חוב האָט אָן שום ספק צוגעהאָלפן די נייע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אָרדענונג אין לאַנד. עס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז נאָר אין די באַדינגונגען פון דער פוילישער דעמאָקראַטיע, ווו די ידן האָבן פולע רעכט אַנטווילצונעמען אין עפנטלעכן לעבן, איז מעגלעך געוואָרן אַזאַ אויפשוווּנג. דאָס איז געווען דער תנאי פאַרן וווּקס פון דער גרויסער נעץ ידישע קאָאָפּעראַטיוון; פון אָנהייב פון ידישן לעבן אויפן לאַנד. ידן אַרבעטן אין די פאַבריקן און ידן אין די שאַכטן, ידישע סטודענטן אין די הויכשולן א. אַ. וו. דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען בילדעט דאָס נייע פּרצוף־פּנים פון דעם אויפקומענדיקן ידישן ישוב און רוקט אַרויס די נויטווענדיקייט צו פאַרטיפן דאָס ידיש־נאַציאָנאַלע לעבן אין פוילן. צו אונזער פרייד האָט עס שוין מיטן יונגן ידישן קיבוץ אַזוי, אַז ער האָט זיך שוין דערפילט בכוח אָנצוקניפּן אין די שיינע טראַדיציעס פון דער ידישער קולטור, וואָס עס האָט געפלעגט דאָס אַמאָליקע גרויסע פוילישע ידנטום. דער ערשטער באַדייטנדיקער אָנשטרענג אויף דעם אָפּשניט איז די ניי געשאַפענע קולטור-געזעלשאַפט. און ווידער ברענגען פאַר דער ידישער וועלט דערגרייכונגען פון קולטור און קונסט איז כידוע נישט ווייניקער וויכטיק ווי צו פאַרפעסטיקן די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. דער דאָזיקער באַוווסטזיין לייכט צו די ידישע קולטור־טוער, וועלכע פאַרמעסטן זיך צו מאַכן אַ שריט ווייטער אויפן וועג פון טראָגן דאָס דערהויבענע וואָרט, דאָס קינסטלערישע בילד אין דער ידישער געזעלשאַפט. עס איז די הייליקע שליחות פון המשך פון ידישן זיין.

* * *

מיט אַ באַזונדערער צופרידנקייט האָט די ידיעה וועגן דער אַנטשטייונג פון דער קולטור־געזעלשאַפט אויפגענומען די ידישע יוגנט אין פוילן, די יוגנט, וועלכע איז שטענדיק אין אַוואַנגאַרד פון דער בויונג. די ידישע יוגנט, וועלכע האָט די ערשטע זיך גענומען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. די ערשטע אַראָפּ אין די טיפענישן פון די קוילנגרובן; די, וועלכע האָבן מיט געווער אין האַנט פאַרטיידיקט דעם כבוד פון פאָלק, אָט די יוגנט וועט אָן שום ספק זיין אַ שאַרקער שטיץ-פּונקט פאַר דער נייער קולטור־געזעלשאַפט. דורך אַ פאַרצווייגטער קולטור אַרבעט ,דורך אַ פולער ליקווידירונג פון דער אָפּגעשטאַנענקייט אין פּרט פון דערלערנען און פּאָפּולאַריזירן צווישן דער יוגנט די ידישע ליטעראַטור און געשיכטע, וועט דער ידישער נאָכוווּקס זיכער אַ סך ביישטייערן אין דער אַרבעט פון דער קולטור-געזעלשאַפט. פון איר זייט, ווידער, דאַרף די קולטור-געזעלשאַפט שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דער אַרבעט צווישן דער ידישער יוגנט. עס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז צומערסטן איז פון דער ידישער סביבה אָפּגעריסן געוואָרן דער יוגנטלעכער, וועלכער איז מיטן כוח פון דער פאַשיסטישער פויסט נאָך קינדווייז פאַרשטויסן געוואָרן פון ידישן לעבן. ווער עס האָט זיך צוריקגעקערט נאָך די פינצטערע אָקופּאַציע־יאָרן פון בונקער, ווער פון וואַלד און ווער פון גאַסט־פריינדלעכן ר״פ האָט מער גאָרנישט געטראָפן אייגנס און ידישס. אָט דער דאָזיקער יוגנט מוז געשאָנקען ווערן אַ סך מי, ביי איר דאַרף די קולטור-געזעלשאַפט ליקווידירן דאָס אָפּגעשטאַנענקייט און דעם אַבסאָלוטן אַנאַלפאַבעטיזם אויפן געביט פון ידיש. לאָמיר זיין אָפנהאַרציק: אויך צווישן דער ידישער סטודענטן-יוגנט הערשט נאָך אַ לאַגע פון עם-הארצות אויפן געביט פון ידיש, פון ידישער געשיכטע-קענטעניש. מיט באַזונדערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט דאַרף געפירט ווערן אַן אויפקלערערישע אַרבעט, כדי צוריק צו געווינען דעם ידישן סטודענט, אויף וועלכן מיר מוזן קוקן ווי אויף אונזער קומענדיקער אינטעליגענץ. אונזערע יוגנט־הייזער, אין וועלכע עס געפינען זיך העכער 1000 יוגנטלעכע מוזן ווערן אַ באַזע פאַר אָפטע אַרויסטרעטונגען פון ידישע שרייבער, אַרטיסטן און געלערנטע. יעדער יוגנט־היים דאַרף געניסן פון אַ ספּעציעלער אויפזיכט מצד דער קולטור־געזעלשאַפט. די ביז-איצטיקע וואַנט־צייטונגען אין ידיש מוזן צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע יוגנטלעכע מיט זייער רייכן אינהאַלט און ליטעראַרישן ניוואָ. די דראַמ. קרייזן מוזן אויסברייטערן זייער טעטיקייט און געווינען דעם אינטערעס פון דער גאַנצער יוגנט. אונזער לאָזונג דאַרף זיין: עס טאָר נישט דורכגעלאָזן ווערן קיין איין סטודענט, קיין איין יוגנטלעכער אַרבעטער, אַז ער זאָל נישט אַרונטערגענומען ווערן אונטערן איינפלוס פון דער קולטור-געזעלשאַפט! און דאָס דורך קרייזן פאַר ליטעראַטור און געשיכטע.

מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז די געזעלש. פאַר קולטור און קונסט איז באַשאַפן געוואָרן, אַז זי זאָל אַריינשרייבן אַ וויכטיקן בלעטל אין דער געשיכטע פון יונגן, אָבער אימפּולסיוון ידישן ישוב אין פוילן.



אַ סצענע פון פּרצס „אַרענדאַר" אויסגעפירט דורכן דראַמ־קרייז פון וראָצלאַווער יוגנט־היים

# אונזערע יוגנט-ה

## גיבן אַ פולע מעגלעכקייט

### איך וויל זיין אַ ראַדיא-אינזשעניר



### די ערשטע יוגנט-היים

דאָס וויגעלע פון די יידישע יוגנט-היימען אין לאַנד איז געווען דזשערזשאָניוו. אין פעברואר 1946, בעת דער גרינדונג האָט די יוגנט-היים געציילט 7 יוגנטלעכע. אין דער צווייטער העלפט יאָר אנטשטייט די געזעלשאַפט „אָרט". עס ווערט אָרגאַניזירט דער ערשטער קורס פון אגראָנאָמען און טעקסטיליער. נאָכן איבערגיין פון דער יוגנט-היים אין אַ נייעם בנין איז די אינסטיטוציע געוואַקסן. היינט-צו-טאָג געפינען זיך דאָ 75 יוגנטלעכע און נאָך פיל קאַנדידאַטן ווענדן זיך וועגן אָנגעמען זיי. די גרעסטע צאָל יוגנט לערנט זיך. אַפילו די, וואָס ארבעטן אין די וואַרשטאַטן לערנען זיך גלייכציַיטיק נאָכמיטאָג. אַ גרויסער פּראָצענט יוגנט איז געקומען פון די דייטשע לאגערן און נישט געקענט לייענען און שרייבן. פאַר זיי האָט דער „אָרט" איינגעאָרדנט קורסן, וועלכע העלפן פיל צו פאַרן הייבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון די יוגנטלעכע.

די קולטור און דערציונגס-ארבעט ווערט סיסטעמאַטיש געפירט. לעצטנס זיינען פאָרגעקומען רעפעראַטן אויף פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס. פאַר דער יוגנט ווערן געגעבן רעפעראַטן וועגן דאַרוויניזם, אַטאָם-באָמבע א. אַנד. צו די רעפעראַטן ווערן צוגעצויגן די שטאָטישע אינטעליגענץ. דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, וויסנשאַפטס-לייט און ספּעציאַליסטן פון „אָרט".

פאַר דער יוגנט קומען פאָר נאָר-מאָל פרעסע-איבערזיכטן און קעסטל-אָוונטן — זיי ווערן דורך די יוגנטלעכע אליין רעפעּרירט. די טראַדיציאָנעלע שבת-אָוונטן קומען פאָר מיט אַן אַרטיסטישער טייל און לאָזן איבער זייער אַ גוטן איינדרוק. לעצטנס איז באַנייט געוואָרן די רעגולערע פרימאָרגן-גימנאַסטיק. פון צייט-צו-צייט קומען פאָר קאָלעקטיווע באַזוכן אין קינאָ, טעאַטער. דערנאָך ווערן קאָלעקטיוו באַהאַנדלט די געזעענע פילמען און פּיעסן.

בעקער

### דאָס לעבן אין לאָדזשער יוגנט-היים

די יוגנט-היים אין לאָדזש געהערט צו איינע פון די ערשטע. באַלד נאָכן אָנהויב פון דער גרויסער רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד אין אַפּריל 1946 יאָר אַנטשטיינט די יוגנט-היים ביי אַ צאָל פון 48 יוגנטלעכע. היינט-צו-טאָג איז די היים געוואַקסן ביז 162 מאַן. פון זיי זיינען 153 קיילעכדיקע יתומים, 8 האַלבע יתומים, בלויז איינער האָט עלטערן. דער צוזאַמענשטעל פון די דערציגלונגע איז פאַגנדיקער: 73 יוגנטלעכע האָבן די מלחמה-יאָרן איבערגעלעבט אין ר"פ. 66 אין די דייטשע קאָנצענטראַציע-לאַגערן, 20 אין די ארמייען און פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען, בלויז 3 יוגנטלעכע האָבן איבערגעלעבט אויף דער ארישער זייט.

די דערציגלונגען פון די יוגנט-היימען פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער, קאָנסטרוקטיווער ארבעט: 83 לערנען זיך און ארבעטן גלייכצייטיק, 18 לערנען זיך ארבעטן, 61 זיינען סטודענטן אויף די הויך-שולן.

פאַר דער לעצטער צייט איז די קולטור און דערציונגס-ארבעט אָנועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ הויכן ניוואָ. די קולטור-קאָמיסיע ארבעט סיסטעמאַטיש, עס דערשיינען אַ חודש 3 וואַנט-צייטונגען, דער דראַמ. קרייז און כאָר פירט אַ רעגולערע טעטיקייט, נעמען אָנטייל אין די אימפּרעזעס פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט. אין דער יוגנט-היים עקזיסטירט אַ קרייז פאַר פּויליש-סאָוויעטישער פריינטשאַפט, וועלכער גיט ארויס אַן אייגענע וואַנט-צייטונג. יעדן חודש ווערט דעמאָנסטרירט אַ פילם פון סאָוויעטישער פּראָדוקציע. די ביבליאָטעק ציילט 220 פּוילישע ביכער. אין קלוב-זאַל איז איינגעפירט די דעמאָקראַטישע פּרעסע פון דער גאַרער וועלט. אין משך פון דער לעצטער צייט איז פאָרגעקומען אַ קער מיטן פּנים צו יידיש. אויב מיט אַ יאָר צוריק האָט די יוגנט ווייניק זיך באַנוצט מיט דער יידישער שפּראַך, מערקט מיר לעצטנס אַ דערנענטערונג און פאַראינטערעסירונג מצד דער יוגנט צו יידישע פּראָבלעמען. דער קורס פון יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע האָט גרויס דערפאָלג. פיל העלפט צו אין פרט פון באַקענען זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור די טעטיקייט פון ניי-געשאַפענעם פאָלקס-אוניווערזיטעט אין שטאָט, וואָס גרופּירט ארום זיך אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע.

ברעגמאַן.



די ביבליאָטעק אין יוגנט-היים — אונזער חבר



נאָך דער ארבעט און לער

# הײמען אין לאַנד

## פון לערע, אַרבעט און אָפּרו

### מיר ווילן זיך אויסלערנען אַ פאַך

ראַדיאָטעכניק-קורסן אין קאַטאָוויץ



### די וואַלבזשיכער יוגנט לערנט זיך זיין פאַך לייט

אנדערטהאלבן יאָר עקזיסטירט די יוגנט-היים אין וואלבזשיך. הייגט־צו־טאָג געפינען זיך דאָ 79 יוגנטלעכע. פון דער אלגעמיינער צאָל יוגנטלעכע זיינען 73 ייִנגלעך און 6 מיידלעך. פון זיי זיינען 49 געווען בעת דער מלחמה אין ר״פ, 7 אין דער פוילישער און רויטער ארמיי, 13 אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. פון 79 דערצויגלונגען לערנען זיך אין דער „אָרט״־שול 75 יוגנטלעכע פארשידענע ספעציאַליטעטן: שלאָסערס, ראַדיאָ, עלעקטראָ־מעכאַניק. אין יוגנט־היים זיינען טעטיק פאָלגנדיקע אָרגאַנען: זעלבסט־פאַרוואַלטונג, ספּאָרט־און קולטור־סעקציע, אַ קרייז פון פויליש-סאָוויעטישער פריינטשאַפט.

יעדן חודש דערשיינט נאָרמאַל אַ וואַנט־צייטונג. נאָך אַ לענגערן איבעררייס האָט דער דראַמ.־קרייז צוריק באַנייט זיין טעטיקייט.

אין דער וואלבזשיכער יוגנט־היים האָבן שוין אַ טראַדיציע די פרייטיק־אָוונטן. די טעמאַטיק איז אַ פאַרשידנאַרטיקע. ספּעציעל האָבן מיר לעצטנס באַהאַנדלט די פראַגע פאַלעסטינע אויף דער אונ״אָ־סעסיע. די גאַנצע קולטור־טעטיקייט ווערט געפירט אין דער יידישער שפראַך. קיין ספּעציעלע קורסן ווערן אין יוגנט-היים נישט געפירט, ווייל אין „אָרט״-שול קומען פאָר ספּעציעלע לעקציעס פון יידישער ליטעראַטור און געשיכטע. די פרימאָרגן־גימנאַסטיק ווערט געפירט צוויי מאָל אַ וואָך אונטער דער אָנפירונג פון די יוגנטלעכע גופא.

יאַקובאָוויטש.

## אין פּאַלאַץ פון די יידישע יוגנטלעכע

אין דער פּרעכטיקער געגנט פון ביעלאַווע, געפינט זיך אַ גרויסע שיינע געביידע, וואָס איז אַמאָל געווען אַ היטלער־שול. הײנט געפינען זיך דאָרט יידישע יוגנטלעכע.

פון 48 דערצויגלונגען אין ביעלאַווער יוגנט־היים לערנען זיך פאַכן 28 יוגנטלעכע. 16 אַרבעטן אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן, 4 לערנען זיך אין פאָלקס־שולן. פון דער אַלגעמיינער צאָל יוגנטלעכע זיינען 34 גאַנצע יתומים, 8 האָבן עלטערן.

דאָ אין ביעלאַווע רוקן זיך ארויס די פּראָבלעמען פון צוהעלפן זעלבשטענדיק ווערן אַ גרויסער צאָל דערוואַקסענע יוגנטלעכע.

30 פּראָצענט פון יוגנט־קאָלעקטיוו זיינען אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, נעמען אָנטייל אין א ריי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. איינמאָל אין דער וואָך קומט פאָר אין יוגנט־היים אַ פּרעסע־איבערזיכט צוגעגרייט און רעפערירט דורך אַ יוגנטלעכן גופא. פאַר די עלטערע ווערן געהאַלטן רעפעראַטן אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס. דער דראַמ.־קרייז האָט געאַרבעט אַ לענגערע צייט איבער אַ פּיעסע „משפט איבערן פאַשיזם״, וואָס איז געוואָרן אויסגעפירט מיט גרויס דערפאָלג. איצט ווערט געגרייט אַ נייער רעפּערטואַר. אונזער בלאָז־אָרקעסטער פירט אַ שיינע און סיסטעמאַטישע טעטיקייט.

ס׳ווערן געמאַכט באַמיונגען פון צוזאַמענאַרבעט מיט דער יידישער קולטור־און קונסט־געזעלשאַפט. אין משך פון די לעצטע 4 חדשים זיינען דערשינען 4 וואַנט־צייטונגען און 2 פאָטאָמאָנטאַזשן, עס זיינען געהאַלטן געוואָרן אַ גאַנצע ריי רעפעראַטן. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָבן ארויסגערופן ביי דער יוגנט די טעמעס:

1. די ראָל פון דער יוגנט אין דעמאָקראַטישן פוילן.
2. צי קאָן אַן אַרבעטס-מענטש זיין אַפּאָליטיש?

גוטע רעזולטאַטן גיבן די קאָלעקטיווע באַזוכן אין קינאָ און אויף קאָנצערטן. אין פּלאַן פון דער קולטור און דערציונגט־אַרבעט שטייט די פראַגע וועגן איינפירן לעקציעס פון יידישער געשיכטע, צו וועלכער עס האָט זיך גענומען אַ ספּעציאַליסט, אַ געשיכטע־לערער. די געהילפס־ווירטשאַפט איז גוט אויפגעשטעלט. אין איר געפינען זיך ניין חזירים, 2 שטאַלן זיינען אויסגעבויט געוואָרן מיט אייגענע כוחות פון די דערצויגלונגען. עס זיינען דאָ מעגלעכקייטן פון באַקומען ערד־צוטיילונגען פאַר אַ גאָרטן.

פערקאָל



די אָרט-שול לערנט מען שלאָסעריי



...ע – אָפּרו אין לייענ־זאַל

# אונזערע יוגנט־היימען



ביעלאסטאקער יוגנטלעכע שטייען נישט אפ ביי די הובעל־מאשינען

## מיר ווילן ווערן זעלבשטענדיק

די יוגנט-היים אין ביעלסק האָט אָנגע-הויבן איר טעטיקייט מיט 7 אייטוויינער. היינט צו טאָג ציילט די בורסע 49 יוגנטלעכע, אין משך פון דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ האָבן שוין פאַרלאָזט די בורסע 25 יוגנטלעכע, פון וועלכע 21 זיינען געוואָרן זעלבשטענדיק אַלס גוטע פאכלייט אויף די פאבריקן און אונ־טערנעמונגען. גרויס אכט ווערט געלייגט אויף דערציען און צוגרייטן די יוגנטלעכע צו זעלב־שטענדיקייט. היינט צו טאָג לערנען זיך פון דער אַלגעמיינער צאָל דערצויגלינגען אין יוגנט־היים: 28 אין דער „אָרט"-שול, וועלכע טראָגט אַ כאַראַקטער פון ליצעום. די איבעריקע אַר־בעטן אין וואַרשטאַטן. אויפן געביט פון קול-טור און דערציונגס־אַרבעט איז געוואָרן זייער פיל געטאָן, דאָס האָט דערמעגלעכט צו ענדערן דעם פסיכישן צושטאַנד אין יוגנט-היים. די יוגנטלעכע ווערן דערצויגן אלס פולווערטיקער געזעלשאפטלעך־אקטיווער בירגער.

עס מערקט זיך ביי דער יוגנט אַ דראַנג צום לערנען. צווישן די 26 אַבסאָלווענטן פון „אָרט" לערנען זיך 50 פראָצ. אויף ווייטערדיקע סטודיעס. אין משך פון דעם לעצטן יאָר האָט די יוגנט־היים פיל געטאָן בכדי צו ליקווידירן די טענדענצן פון אַסימילאַציע. ס'זיינען איינ־געפירט געוואָרן לעקציעס פון יידישער שפראַך און געשיכטע, וועלכע קומען פאָר 4 מאָל אין דער וואָך. אין דעם העלפט אונז צו דער „אָרט". ביי דער בורסע איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ הילפס-ווירטשאפט און אַ גאָרטן פון גרינס. וואָס האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן. מיר האָבן באַקומען פאַר אונזער ווירטשאפט דאָס גערע־טעניש פון קאַרטאָפל, פּאָמידאָרן און קרויט. אויפן קינפטיקן זומער, ווערט געפלאנט פאַר־גרעסערן דעם גאָרטן.

נ. לייפער.

## אַרויסטרעטונג פון גען. סעקר. י. לאָזעבניק
### אויף די באַראַטונג פון די לייטערס פון די יוגנט־היימען

דער גען. סעקר. פון צ"ק פון יידן אין פוילן י. לאָזעבניק, אַרויסטרעטנדיק אויף דער לעצ־טער לאַנד-באַראַטונג האָט געזאָגט צווי. אַנד.: די יוגנט־היימען האָבן זיך דערוואָרבן פולע ביר־גער־רעכט און געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון ייִדישן ישוב אין פוילן. דער וווּקס פון די יוגנט-היימען איז אַ רעזולטאַט דערפון וואָס אונזער לאַגע האָט זיך נאָרמאַליזירט און איז אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער סטאַביליזאַציע אין דעם אַלגעמיינעם לעבן אין לאַנד.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין קוואַליפיצירטע כוחות פּע־דאַגאָגן, עקאָנאָמיסטן האָבן מיר אויפגעבויט פּרעכטיקע יוגנט־היימען, שולן און קאָאָפּעראַ־טיוון. דער היינטיקער צושטאַנד פון די יוגנט־היימען באַווייזט, אַז מיר האָבן פיל דערגרייכט און מיר דאַרפן איצטער פאַרטיפן אונזערע דערפאַרונגען, מען דאַרף פאַראייניטלעכן און צענטראַליזירן די אָרגאַניזאַציאָנעלע און דערציונג־אַרבעט אין די יוגנט-היימען. די באַ־ריכטן פון די ערטער האָבן געוויזן אַ פאַרשידנ־פאַרביק רייך בילד. יעדער יוגנט־היים האָט איר אינדיווידועל פּנים. איר באַזונדער סטרוק־טור. עס איז נויטיק זיך טוישן מיט דער דער־פאַרונג, אריבערפירן די גוטע דערציונגס־מע־טאָדן אין אַנדערע יוגנט־היימען. צו די בלויזן אין די יוגנט-היימען געהערן צווישן אַנדערן, די נישט גענוגנדיקע אַטמאָספער פון יידישקייט, עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע קענען היינט שוין יידיש. האָבן אַן אינטערעס צו פראגן פון יידי־שער פּראָבלעמאַטיק, יידישער קולטור און גע-שיכטע. אויב אַזאַ וווּקס גייט אָן, איז דער בעסטער באַווייז, אַז עס דראָט נישט די געפאַר פון אסימילאַציע. מיר זאָגן, אַז די אַרבעט איז נאָך נישט גענוגנדיק. עס איז נאָך אויף דעם געביט געבליבן גענוג צו טאָן.

די יוגנט-היים, זאָגט ח' לאָזעבניק, פירט נישט קיין פּאָליטישע טעטיקייט, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זי איז אַ געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע. די יוגנט־היימען דאַרפן ריכטן זייער אַרבעט לויט דער ליניע, וואָס איז אָנגע־נומען געוואָרן דורכן צ"ק פון די יידן אין פוילן. יוגנטלעכע פון קיבוצים, וואָס ווילן אריינטרעטן אין די יוגנט-היימען, דאַרף מען געבן אַלע מעג־לעכקייטן דערצו. ס'דאַרף פאָרקומען אַ דערנענ־טערונג צווישן די קיבוצים און -היימען.

## אַ גוטע נאַכט אייך מיידלעך

נאָך אַ טאָג אַרבעט — אַ פאַרדינטער אָפּרו אין יוגנט-היים. (ביעלאווע)



# דער שטאָלץ פון ישוב

## אַרויסטריט פון ד"ר קאַצענבאָגן

פאָרזיצער פון „אָרט"

ד"ר קאַצענבאָגן האָט דערוויזן ווי וויכטיק עס איז די צוזאַמענאַרבעט פון די יוגנט־היימען מיט דער געזעלשאַפט „אָרט".

צווישן אַנדערן שטרייכט ער אונטער — אַז געז. „אָרט" פירט אַחוץ איר פּראָדוקטיווע טעטיקייט אויך אַ קולטור־און דערציונגס־אַרבעט. מיר ווייסן, אַז דאָרטן ווו עס זיינען פּראָ־ „אָרט"־שולן איז אַ גרויסע צאָל אין איר — שילער פון די יוגנט־היימען. דאָס ווייזט אַז וועגן פירן אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט פון ביידע אינסטיטוציעס. אַמבעסטן קומט דער ענגער קאָנטאַקט פון „אָרט" און דער יוגנט־היים צום אויסדרוק אין ביעלסקאָ.

## אַרויסטריט פון אינז. סלאָבאָדקין

גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אָרט"

אינזש. סלאָבאָדקין (גענ. סעקרעטאַר פון געז. „אָרט" אין פּוילן) אַרויסטרעטנדיק אויף דער באַראַטונג האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון אונזערע יוגנט־היימען, אַז שוין די ערשטע פאַך־שולן אין נייעם פאָלקס־פּוילן זיינען געשאַפן געוואָרן ביי די יוגנט־היימען און יוגנט אָפּטיילונגען.

עס איז נויטיק אויף ווייטער צו קאָאָרדינירן די צוזאַמענאַרבעט. אין קעגנזאַץ צו פאַר יאָרן — איז שוין פאַרשוואונדן די סטיכישקייט פון אַרבעט אין די פאַכשולן. די שולן פירן אַ סיסטעמאַטישע טעטיקייט אינם אויסשולן אַ הויך־קוואַליפיצירטע יוגנט. מיר דאַרפן בינדן אין דער שול־אַרבעט די פאַך־בילדונג מיט דער אינערלעכער דערציונג. די „אָרט"־שול באַמיט זיך צו דערציען די יוגנט, איינפלאַנצן ביי איר אַ קולט צו אַרבעט, צוגרייטן זיי פאַר ווירדיקע און שטאָלצע בירגער.

### יוגנט־קורס פון צאָן־טעכניקער אין לאָדזש



## ייִדישע סטודענטן־הייזער אין לאַנד

### אין אַקאַדעמישער יוגנט־היים אין וראָצלאַוו

גאָר אַ וויכטיק אָרט שפּילט אָפּ אין לעבן פון דער ייִדישער שטודירנדיקער יוגנט אין לאַנד די געשאַפענע סטודענטישע הייזער.

די ייִדישע סטודענטן, וועלכע זיינען געבליבן עלנט, אָן נאָענטע און אָן מיטלען צום לעבן האָבן אין די סטודענטן־הייזער באַקומען פולע מעגלעכקייט פון אַרבעט, לערע און אָפּרו. נישט אומזיסט דערגרייכט די צאָל ייִדישע סטודענטן אין דעמאָקראַטישן פּוילן ביז 1300.

צו די אַמבעסטן אָרגאַניזירטע סטודענטן־הייזער אין לאַנד געהערט אָן שום ספק די וראָצלאַווער סטודענטן־היים, וועלכע ציילט 190 סטודענטן. וועלכע האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע קולטורעלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט צווישן דער ייִדישער אַקאַדעמישער יוגנט. אין הויז עקזיסטירן עטלעכע סעקציעס: אַ סאַניטאַר־קולטור־קאָמיסיע. די אַרבעט ווערט געפירט צוזאַמען מיטן אַקאַדעמישן קרייז. די אַלגעמיינע צאָל סטודענטן אין וראָצלאַוו איז געוואַקסן ביז 350. פיל פון זיי נעמען אַנטייל אין די אימפּרעזעס פון דער יוגנט־היים, כמעט יעדע וואָך קומען פאָר רעפעראַטן. פאַר דער לעצטער צייט זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אַזעלכע טעמעס: „ייִדישע ליטעראַטור אין דער צייט פון אָקופּאַציע", „וועגן פּראָבלעם פון ציוניזם", ד"ר מאהלערס אַ רעפעראַט א. אַ. דער דראַמ.־קרייז גרייט צו אַ גרעסערע אימפּרעזע א"נ: „די ייִדישע סטודענטן דער געזעלשאַפט". די יוגנט־היים גרייט צו אַ פייערונג פון אָנרופן די יוגנט־היים אויפן נאָמען פון מרדכי אַניעלעוויטש.

סטרובעל.

### אַקאַדעמישע יוגנט־היים אין גליוויץ

אין דער סטודענטן־היים אין גליוויץ, האָבן באַקומען אַ וואַרעמע היים 38 יונגע שטודירנדיקע פון דער איינציקער הויך־שול אין אויבערשלעזיען. לעצטנס ווערט געלייגט אין אַקאַדעמישן הויז גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף צוריק אַריינצוציען דעם ייִדישן סטודענט אין דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, פון וועלכע ער איז אָפּגעריסן געוואָרן דורך די דייטשע מערדער.

אויפן געביט פון ספּאָרט ווייזט די יוגנט אַרויס אַ גרויסן אינטערעס, נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין די סעקציעס פון זש. ק. ס. ווי: פוסבאָל, פינג־פּאָנג, נעצבאָל. עס ווערן אָרגאַניזירט אָפטע באַגעגענישן אין דער יוגנט־היים פון ייִדישע און פּוילישע סטודענטן, ווו אין אַ חברישע סביבה ווערן באַהאַנדלט פּאָליטישע אַקטועלע פראַגן. דאָ ווערט פאַרטיפט די פריינטשאַפט און קעגנזייטיקער צוטרוי. די ביבליאָטעק, וועלכע דינט פאַר די סטודענטן, ציילט שוין 500 ביכער.

שאַק.

### קאַלטע טאַסער פרישט אויף






# פאליטישע נאטיצן

## 1. ווער איז דער אויטאר?

אויף א קאנפערענץ פון אויסלענדישע זשורנאליסטן אין לעצטנס ארויסגעטרעטן מיט א רעדע דער פארטרעטער פון אויסערן מיניסטער פון ר״פ., ווישינסקי. צווישן אנדערע האט ער איבערגעגעבן פאלגנדיקן פאקט: דעם 24טן יוני 1941 האט זיך אין דער אמעריקאנער צייטונג „ניו־יארק טיימס״ באוויזן אן ארטיקל פון א גאר אנגעזעענעם אמעריקאנער פאליטיקער, וועלכער האט געשריבן: „ווען מיר זען, אז די דייטשן וועלן זיגן, וועלן מיר דארפן העלפן די רוסן, ווי באלד ס׳וועט אבער זיגן רוסלאנד, וועלן מיר העלפן דייטשלאנד. זאלן זיי זיך געמיינזאם מארדן וואס מער״.

ווער איז עס דער „אנגעזעענער אמעריקאנער פאליטיקער״, וואס האט געשריבן אזא בלוט־דורשטיק ארטיקל צוויי טעג נאכן אנהייבן דעם קריג קעגן ר״פ? — ווישינסקי, ווי א דיפלאמאט, האט דעם נאמען פארשוויגן, ס׳האט אים אבער איבערגעגעבן אין א פאר טעג ארום דער „ניו־יארק טיימס״ אליין.

דאס איז הארי טרומאן, דער היינטיקער פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן.

## 2. די שטים־מאשין איז קאליע געווארן

צי וואס דארפן מענטשן האבן א שפראך? — א געוויינלעכער בשר ודם וואלט אויף דער פראגע געענטפערט פשוט:

— בכדי ארויסצוזאגן דאס, וואס מען טראכט.

דער בארימטער פראנצויזישער דיפלאמאט טאלעראן האט אבער אויף דער פראגע געענטפערט אנדערש:

— די שפראך איז נויטיק, כדי צו מאסקירן דאס, וואס מען טראכט.

אזוי איז ביז איצט געווען אנגענומען אין דער דיפלאמאטיע. נאכדעם ווי מ׳האט פארכאפט לענדער, פארקנעכט פעלקער, פלעגט מען זיך צוזאמענקומען אויף קאנפערענצן און רעדן וועגן הויכע אידעאלן, יושר און גערעכטיקייט...

מיטאמאל האט זיך אויף דער ארענע באוויזן א נייע דיפלאמאטיע, די סאוויעטישע, וועלכע טוט דאס, וואס זי זאגט און זאגט דאס, וואס זי מיינט. דער נייער פארטנער מאכט טיילמאל קאליע די שפיל. ווען אנשטאט שיינע פראזן וועגן יושר און גערעכטיקייט, וועלכע פארפליכטן צו גארנישט, זיינען אויף די סעסיע פון „אונ״א״ ארייגעפלאסן קאנקרעטע פארשלאגן וועגן אנטוואפענונג, פארווערן צו פראדוצירן אטאם־באמבעס א. ד. גל., וואס פארפליכטעט צו אמתער שלום־פאליטיק; האבן ענגלאנד און אמעריקע געפונען א נייעם מעטאד: אלע קליינע לענדער, וועלכע זיינען אפהענגיק פון דאלאר און פונט, הייסט מען שטימען.

— איר זייט טאקע גערעכט, אבער מיר וועלן אייך איבערשטימען — האט פשוט און ציניש דערקלערט דער ענגלישער דיפלאמאט.

און ס׳איז אוועק א גאנג: די גערעכטע סאוויעטישע פארשלאגן פלעגן ווערן פשוט אבערגעשטימט.

מיטמאאל איז די שטים־מאשין קאליע געווארן.

אויף דער נישט לאנג פארגעקומענער סעסיע פון פאראייניקטע פעלקער זיינען פיל פארשלאגן פון אמעריקע נישט דורכגעגאנגען, דערביי זיינען אנדערע, סאוויעטישע, געווארן אנגענומען.

מיט וואס דערקלערט זיך עס?

מסתמא דערמיט, וואס די קאנפערענצן זיינען עפנטלעכע און די פעלקער הערן זיך צו אויפמערקזאם צו דעם, וואס ס׳זאגן זייערע פארשטייער.

זעט אויס, אז דאלארן און פונטן זיינען דאך נישט דאס איינציק־דעצידירנדיקע.

## 3. דער «דריטער כוח» און דאס «קלענערע בייז»

ווען לעאן בלום האט פארגעשטעלט דעם פראגראם פון זיין קאבינעט (ער איז דורכגעפאלן, ווייל ער האט נישט באקומען די געהעריקע צאל שטימען), האט ער זיך באמיט אים צו באגרינדן טעארעטיש:

— מיר זיינען קעגן יעדער מין דיקטאטור, — האט ער געזאגט — סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס, מיר זיינען פארן „דרישן כוח״, וואס איז קעגן ביידע.

דער דאזיקער „דריטער כוח״ דערמאנט אונז עפעס. די יארן 1930 — 1933 אין דייטשלאנד. עס קומט פאר א פארביסענער קאמף צווישן ארבעטער־קלאס און היטלעריזם. די כוחות זיינען גלייכע, נאר דער ארבעטער־קלאס איז צעריסן. אנשטאט אויסצושמידן דעם איינהייטלעכן קאמפס־פראנט, ווערט דעמלט געשאפן די טעאריע „פון קלענערן בייז״, וועלכע פירט אין גרונט גענומען צו דער קאפיטולאציע פארן שונא.

צי איז נישט „דער דריטער כוח״ די זעלבע יענטע, אפשר אנדערש נישט געשלייערט?

## 4. געפונען א תירוץ...

ס׳וואלט זיך געקאנט דוכטן, אז נאכדעם, ווי מ׳האט אין גריכנלאנד איינגעפירט א מאנארכיע, געמאכט אומלעגאל די דעמאקראטישע פארטייען און איינגעשטעלט א שרעקלעכן טעראר־רעזשים, וועט שוין דארט זיין רויק ווי אויף א בית־עולם.

ס׳האט אבער גארנישט געהאלפן...

ס׳האט אפילו נישט געהאלפן דאס, וואס מ׳האט אהינגעשיקט ריזיקע דאלארן־סומעס און נישט פארלאזט זיך בלויז אויף די גריכן... לעצטנס האט אמעריקע באשטימט דעם גענ. ליפסיי אלס שעף פון גריכיש - אמעריקאנישן גענ. שטאב. די רעגירונגס־ארמיי איז צוגעטרעטן צו דער לאנג צוגעגרייטער קעגן־אפענסיווע, אבער באלד די ערשטע שלאכט היגטער גרעווען האט זיך געענדיקט מיט א מפלה. די רעגירונגס־טיילן האבן געמוזט, בחרפתנו, אנטלויפן.

אויף דער באפרייטער טעריטאריע איז געווארן איינגעשטעלט א דעמאקראטישע רעגירונג, אין וועמענס שפיץ ס׳שטייט דער לעגענדארער גריכישער העלד, גענ. מארקאס.

לעצטנס, נאך דער פרישער מפלה, וואס די רעגירונגס־ארמיי האט געליטן אין עפיר, זיינען זיי געפאלן אויף א המצאה: ס׳איז פארעפנטלעכט געווארן א קאמוניקאט, אז די מפלה האט זי געליטן דערפאר, וואס קעגן איר איז ארויסגעטרעטן די אלבאנישע ארמיי.

ערשטנס, איז די חרפה נישט אזוי גרויס,

און צווייטנס, איז עס א פראוואקאציע, וואס איז גראד נויטיק די בעלי־בתים.

## 5. די געשיכטע פון אייגענעם פאלק הויבט אן צו ווערן געפערלעך

אויף א זיצונג פון פראנצויזישן פארלאמענט האט דערקלערט דער קאמוניסטישער דעפוטאט קאלאס, אז אויב די רעגירונג רעכנט אנצוהויבן א קאמף מיטן פראנצויזישן פאלק, און זי רעכנט אז ס׳וועט עס איר געלונגען צו טון מיט דער הילף פון פראנצויזישן מיליטער, דערוואַרט איר אן אנטוישונג. דערביי האט ער דערמאנט א געשיכטלעכן פעריאד פון פראנקרייך.

אין 1905 האט די דעמלטיקע רעאקציאנערע רעגירונג אויך ארויסגערופן א פולק מיליטער קעגן דעמאנסטרירנדיקע ארבעטער, דאס איז געווען דער 7־טער פולק. אבער די זעלנער האבן זיך אפגעזאגט צו שיסן אין פאלק און זיינען אלע אריבער אויף דער זייט פון די דעמאנסטראנטן.

דער פארזיצער פון פארלאמענט האט געהאלטן דאס דערמאנען דעם דאזיקן געשיכטלעכן פעריאד פאר אזוי געפערלעך, אז ער האט פארארדנט צו באזייטיקן דעם דעפוטאט קאלאס פון דעם פארלאמענט־זאל מיט דער הילף פון מיליטער.

**פישעלע**

## יצחק גוטערמאַן

# דער יינגסטער פּאַרטיזאַן

### (אַ מעשהלע)

אַ סך הענט האָבן שלמהלען אונטערגעהויבן צום הויכן פענצטערל פון וואַגאָן. די באַן איז שנעל, שנעל געלאָפן און אַז שלמהלע האָט זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטערל האָט אים דער ווינט שיעור נישט אַראָפּגעריסן דעם קאָפּ. נאָר די דרויסנדיקע פינצטערניש פון דער נאַכט האָט אים ווייניקער געשראָקן ווי די פינצטערניש אין וואַגאָן. אינעווייניק זיינען געלעגן טויטע מענטשן, און די וואָס האָבן יאָ נאָך אַביסל געלעבט האָבן געוווסט, אַז די דייטשן פירן זיי אין די גאַז-קאַמערן צום פאַרסמען און דערנאָך וועט מען זיי פאַרברענען.

שלמהלע האָט אַריינגעקוועטשט די אַקסלען אין דעם פיר־עקיגן לאָך פון פענצטערל. עס איז אים שווער אָנגעקומען זיי אַדורכצושטופּן, ווייל דאָס לאָך איז געווען זייער קליין. דערנאָך האָט ער זיך גענומען גליטשן אויפן בויך פאַראויס. ער האָט דאָס געמוזט טאָן זייער שטיל, אַז די צוויי דייטשן, וואָס שטייען מיט די ביקסן אויפן טרעפּל פון וואַגאָן זאָלן גאָרנישט הערן. אינעווייניק האָט אים נאָך עמעצער צוגעהאָלפן ביי די פיס. דאָס איז געווען זיין מאַמע. מיט איין האַנט האָט זי אים אַרויסגעשטופּט, כדי ער זאָל זיך וואָס גיכער ראַטעווען פון וואַגאָן אַרויס און מיט דער אַנדערער האָט זי אים צוריקגעהאַלטן, ווייל זי האָט מורא געהאַט אָפּצולאָזן איר קינד פון זיך. צום סוף איז שלמהלע געגעבן אַ פלי אַרויס פון פענצטערל, אַ פּלאַטער געטאָן און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

שלמהלע איז אַליינער אליין געלעגן אין דער פינצטערניש. ער האָט גאָרנישט געזען, בלויז געהערט ווי דאָס קלאַפּן פון דער באַן אַנטלויפט אַלץ ווייטער און ווייטער, ווערט שוואַכער ביז עס איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. איצט האָבן די שינעס נישט ווייט פון אים גענומען רוישן און דער הילצערנער סלופּ דערנעבן האָט מוראדיק געברומט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די באַן וואָס איז דאָ ערשט אַדורכגעפאָרן האָט איבערן גאַנצן וועג געזייט די געוויינען און געשרייען, מיט וועלכע זי איז פול געווען, און די שינעס און סלופּעס האָבן זיי איינגעזאַפּט אין זיך און קלאָגן אַזוי מיט. פון דעם גערויש האָט שלמהלע געהערט זיין מאַמעס ווערטער, וועלכע זי האָט אים נאָכגעשריגן ביים אַרויסשטופּן פון וואַגאָן:

— זאָלסט לויפן אין וואַלד אַריין... צו די פּאַרטיזאַנער... נעם נקמה!...

שלמהלע האָט זיך גענומען גליטשן אויפן זאַמד באַרג אַרויף העכער און העכער ביז ער איז אַרויסגעקראָכן פון דער טיפעניש. אָבער ווו זאָל ער גיין, אַז דער וועג איז אים אינגאַנצן פרעמד און אַרום און אַרום איז חושך פינצטער! ער האָט בלויז געזען צוויי שינעס וואָס בלאַנקען אויף דער ערד ווי לאַנגע, לאַנגע שווערדן. שלמהלע איז געגאַנגען לויט דעם גלאַנץ. די שינעס האָבן שטאַרק גערוישט און יעדער סליפּ פאַר וועלכן ער איז פאַרבייגעגאַנגען האָט ברומענדיק עפּעס גערעדט צו אים. אין דעם גערויש האָט ער כסדר געהערט דער מאַמעס קול און געטראַכט: ווער ווייסט צי דאָס איז שוין נישט איר לעצט געשריי.

מיטאַמאָל האָט פון ערגעץ ווייט פאַר אים אַ שיין געטאָן אַ פייערל, אַזוי קליין ווי א שטערנדל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין שטערן איז עס נישט ווייל עס ליגט צו נאָענט צו דער ערד. שלמהלע איז אַוועק אין אַ זייט פון די שינעס און אַראָפּ אויף אַן אַנדערן וועג צום פייערל צו. ער איז געגאַנגען איבער פעלדער, פאַרטשעפּעט זיך אין קוסטעס, זיך אָנגעקלאַפּט אָן בוימער ביז ער האָט דערזען נישט ווייט אַ ליכטיק פענצטערל. נאָר דאָס ליכט האָט זיך כסדר געטיקט ווי עמעצער זאָל גיין פאַרביי דעם הין און צוריק. שלמהלע איז צו נענטער, זיך אויסגעצויגן מיטן בויך אויף דער ערד און מיט אַן אונטערגעהויבענעם קאָפּ געקוקט ווער דאָרט איז. ער האָט געזען ווי אַ דייטשער זעלנער מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס האַלט וואַך פאַר אַ נידעריק הייזל. שלמהלע האָט זיך שטילערהייט געגליטשט צו דער צווייטער זייט הייזל ווו עס איז געווען נאָך אַ פענצטערל. דאָ האָט ער זיך געשטעלט אויף די קני און צוגעשטעלט דאָס פּנים צו דער שויב בלויז ביז דער נאָז, אַז ער זאָל קאָנען זען וואָס אין שטוב טוט זיך. ביי אַ טיש איז אין בלויזן העמד געזעסן אַ גראָבער מענטש מיט אַ גאָלן קאָפּ און עפּעס געשריבן. נעבן זיין האַנט אויפן טיש איז געלעגן אַ רעוואָלווער און אַביסל ווייטער — אַ גרין היטל מיט אַ האַקן־קרייץ איבערן דאַשעק. שלמהלע האָט געטראַכט זיך אַריינצוגנבענען אין דער שטוב, אַ כאַפּ טאָן דעם רעוואָלווער, דערשיסן דעם דייטש און צערייסן די פּאַפּירן וואָס ער האָט אָנגעשריבן. ער האָט געוווסט, אַז יעדעס וואָרט וואָס אַ דייטש שרייבט אָן ברענגט שפּעטער דעם טויט אַ סך מענטשן. ער האָט זיך אָבער באַלד מישב געווען טאָמער געלונגט אים נישט דער פּלאַן, וועט מען אים, שלמהלען, באַלד דערשיסן און די דייטשן וועלן זיך ווייטער טאָן דאָס זייעריקע.

ער האָט דעריבער שטיל, שטיל, ציענדיק זיך אויפן בויך צוריק אַוועקגעפּויזעט פונם הייזל. ווען ער איז שוין געווען אַזוי ווייט, אַז די דייטשן האָבן אים מער נישט געקאָנט באַמערקן האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גענומען שנעל לויפן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווו עס זיינען פאַראַן דייטשן מוז ערגעץ נאָענט אויך זיין פּאַרטיזאַנער. ער איז געלאָפן אַזוי לאַנג ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ בריק. שלמהלע האָט געהערט, אַז פּאַרטיזאַנער פאָרען זיך אָפּט ביי בריקן האָט ער דעריבער שטאַרק אָנגעשטרענגט די אויגן: אפשר וועט ער עמעצן דערזען. ער האָט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אָבער קיינעם נישט געפונען. עס איז דאָ געווען שטיל און פינצטער, מער גאָרנישט. שלמהלען איז געוואָרן קיל האָט ער גענומען גיין אויף דער בריק הין און צוריק.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ שאָרך, עפּעס האָט אַ שפּרונג געטאָן צו אים און איידער ער האָט זיך נאָך באַוויזן אומצוקוקן האָט מען אים, שלמהלען, שוין אַריבערגעצויגן אַ זאַק איבערן קאָפּ. מען האָט דעם זאַק שנעל געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ ביז איבער זיינע פיס, אַ האַנט האָט פעסט אַרומגענומען זיינע לענדן ווי אַ רייף און אים אַרויפגעלייגט אויף אַ שמאָלע, קאַנטיקע זאַך. די זאַך האָט גענומען גיין און שלמהלע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער געפינט זיך אויף אַן אַקסל פון אַ מענטש. שלמהלע האָט אפילו נישט געקאָנט שרייען, ווייל אַ צווייטע האַנט האָט צוגעהאַלטן דעם זאַק פונקט דאָר ווו עס איז געווען זיין מויל. ער האָט זיך נאָר געטראַכט: אַנטלאָפן פון די דייטשן און צום סוף צוריק אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט.

שלמהלע האָט זיך אַזוי לאַנג געצאַפּלט אויף דעם מענטשנס אַקסל ביז יענער האָט זיך מיט אים אַראָפּגעלאָזט ערגעץ אין אַ טיפעניש ווי אין אַ קעלער. דורך דעם שיטערן געוועב פון זאַק האָט זיך צו שלמהלעס אויגן א אַדורכגעזופּט אַ טונקעלע שיין און ער האָט געהערט ווי עמעצער פרעגט:

— וואָס געברענגט אַ צונג?

דער מענטש וועלכער האָט אַהערגעבראַכט שלמהלען אויף דעם אַקסל, האָט אים איצט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד ווי אַ זאַק קאַרטאָפל און געענטפערט:

— חבר קאָמאַנדיר! איך מעלד, אַז איך האָב געברענגט אַ דייטש. איך האָב אים געכאַפּט בעת ער האָט געהאַלטן וואַך אויף דער בריק און געגאַנגען הין און צוריק. ער מיז נאָך זיין זייער יונג, ווייל ער איז לייכט ווי אַ קינד. זיין ביקס האָב איך נישט געפונען.

— אַ יונגער? בעסער אַזוי! וועט זיין לייכטער פון אים אַרויסצוקריגן אַ וואָרט, — האָט שלמהלע ווידער געהערט דאָס ערשטע קול.

מען האָט באַלד אַראָפּגעצויגן פון שלמהלען דעם זאַק. צוערשט האָט ער גאָרנישט געקאָנט קוקן. עס האָט אים עפּעס געבלענדט פאַר די אויגן. דערנאָך האָט ער געזען, אַז ער געפינט זיך אין אַן אונטערערדישער הייל. אויף די זאַמדיקע ווענט זיינען געהאַנגען אַ סך ביקסן, אין אַ ווינקל אויף דער ערד איז געלעגן אַ באַרג גראַנאַטן. אנשטאָט אַ טיש זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער לענג קאַסטנס און ביי די זייטן זיינען געלעגן צוויי לאַנגע ביימער, וואָס האָבן געדינט אַלס בענק. אויפן קאַסטן־טיש זיינען געשטאַנען דריי פלאַשן און אויבן פון זייערע העלזלעך האָבן אַרויסגעציטערט פלעמלעך, וואָס האָבן באַלויכטן די הייל.

שלמהלע איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ סך מענער און נענטער פון אַלעמען איז געשטאַנען אַ מענטש מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט אַ גראָבן, לעדערנים פּאָס אַרום בויך און ביי דער זייט אין אַ לעדערן שיידל איז געהאָנגען אַ רעוואָלווער. ער האָט מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף שלמהלען און געפרעגט די אַרומיקע:

— דאָס איז דער דייטש וועמען איר האָט געכאַפּט?

און שלמהלע האָט אויך געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף די מענטשן אַרום אים און גאָרנישט פאַרשטאַנען. דאָס זיינען דאָך נישט קיין דייטשן!

נאָך דעם ווי דער מענטש מיט דער באָרד האָט אויסגעפרעגט שלמהלען און זיך אויסגעשמועסט מיט אים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער אַז אַריינגעפאַלן נישט צו קיין דייטשן, ווו ער האָט געמיינט, נאָר צו פּאַרטיזאַנער. און די פּאַרטיזאַנער האָבן געכאַפּט נישט קיין דייטש, נאָר אַ יינגל, וואָס וויל קעמפן מיט די דייטשן.

דער מענטש מיט דער באָרד איז געווען דער עלטסטער פון די פּאַרטיזאַנער, דער קאָמאַנדיר. ער האָט באַפוילן, אַז מען זאָל דערלאַנגען פאַר שלמהלען צו עסן און צוגרייטן אַ געלעגער. אַן אַלטשיטשקע פרוי, וואָס האָט

(סוף זייט 32)




# ערשטער לאנד-צוזאמענפאר פון ז.וו.מ.

דריי טאג האט געדויערט דער צוזאמענפאר פון „פארבאנד פון יונגע קעמפער" אין ווארשע. אין משך פון דריי טעג — דעם 6-טן, 7-טן און 8-טן דעצעמבער — איז גאנץ ווארשע געווען אונטערן איינדרוק פון צוזאמענפאר. די ווייסע העמדער און רויטע האלדז-בענדער האבן שע־מערירט איבער אלע גאסן, הגם עס איז געווען א רעגנדיקער וועטער. מיט פארהויבענע קעפ און אויסגעגלייכטע ברוסטן, מיט געזאנג און געלעכטער האבן די יונגע ז. וו. מ.־אוצעס מארשירט איבער די ווארשעווער גאסן צום גרויסן קאנפערענץ־זאל פון קינא „ראמא".

דא זאמלען זיך די דעלעגאטן פון גאנצן לאנד. די טריבונע איז איינגעהילט אין בלומען און אין גרינס. א ים מיט רויט-ווייסע פענער און פון איבער די פענער אויפן זאל און אויף דער טריבונע שרייט אראפ די לאזונג, וועלכע איז געווארן דער סימבאל פון דעם יונגן קעמ־פער פארבאנד — „געבוירן האט אונז די טאטע!"

צווישן די צעשמייכלטע און זינגענדיקע יוגנטלעכע באמערק מיר אונזערע יידישע חברים, אקטיווע טוער פון דער ז. וו. מ. ארגא-ניזאציע אין לאנד — די ח"ח גאלדבערג פון ווראצלאוו, בעקער פון דזשערזשאניוו, דיא־מענט פון וואלבזשיך, קלוגמאן און קויפמאן פון לאדזש, פון שמשעטשין און פיל, פיל אנדערע.

זיי פרייען זיך צוזאמען מיט די הונדער־טער פוילישע דעלעגאטן. עס איז אלעמענס יום־טוב צוגלייך. דא וועלן אלע אונטערפירן א סך הכל פון פינף יאר שווערער אנגעשטרענגטער ארבעט אין פאשיסטישן אונטערערד און שפע־טער אין דער צייט פון בויונג און לערע. פיל פון די יידישע דעלעגאטן אויפן צוזאמענפאר האבן פונקט ווי זייערע פוילישע חברים די ערשטע טריט אין דער ארגאניזאציע געשטעלט מיט א פיסטאלעט אין האנט, אין געטא, אין דער פארטיזאנער באוועגונג, אדער אין דער רויטער און פוילישער ארמייען.

פונקט 8 פרי עפנט זיך דער צוזאמענפאר מיטן געזאנג פון ז. וו. מ.-הימן. דער פארזיצער פון דער הויפט־פארוואלטונג חבר אלעקסאנדער קאוואלסקי באגריסט די אנוועזנדיקע פארשטייער פון דער מלוכה און ארמיי, דער גענעראל סעקרעטאר פון פ. פ. ס. פרעמיער י. ציראנ־קעוויטש, גענעראל־סעקרעטאר פון פ. פ. ר. וויצע-פרעמיער גאמולקא וויעסלאוו. דעם פוי-לישן מארשאל ראליא זשימיערסקי, גענ. ספי־כאלסקי, די פארשטייער פון אלע פאליטישע פארטייען און יוגנטלעכע ברידער - ארגאניזא-ציעס.

די יוגנטלעכע באגריסן ווארעם אלע אנ־וועזנדיקע געסט מיט אויסגעשרייען לטובת דער רעגירונג, ארמיי, פארטייען און ברידער־ארגאניזאציעס. א באזונדער'ע ווארעמע אוואציע האט באקומען דער ח' „וויעסלאוו". עטלעכע מינוט האבן די יוגנטלייכע כאראל סקאנדירנ־דיק גערופן זיין נאמען. די לופט פארהילכן לאזונגען פאר אייניקייט־פראנט און ברידערלעכ־קייט צווישן ארבעטער־קלאס און צווישן דער ארבעטנדיקער, פויערישער און שול-יוגנט.

אין פרעזידיום ווערן איינגעלאדן: דער וויצע־פארזיצער פון פארבאנד יעזשי מאראוו־סקי, דער גענעראל־סעקרעטאר מאיעווסקי, א גאנצע ריי זיגער פון ארבעטס־געוועט-יונגע וועבער, קוילן־גרעבער און אנדערע.

דער צוזאמענפאר איז געווען א וויכטיק געשעעניש נישט נאר אין לעבן פון דער פויליי־שער יוגנט. ער האט באקומען אן אינטערנא־ציאנאלע באדייטונג. עס זיינען געקומען בא-גריסן די פוילישע יוגנטלעכע צו זייער יום־טוב פארשטייער פון די באדייטנדיקסטע יוגנט-באוועגונגען אין דער וועלט. עס איז געקומען א דעלעגאציע פון דער אלוועלטלעכער דעמא־קראטישער יוגנט־פעדעראציע אין שפיץ מיט איר פארזיצער דעם באקאנטן פראנצויזישן יוגנט־טוער גואי בואיסאן. עס איז געווען א דעלעגאציע פון סאוויעטישן „קאמסאמאל", פון די קעמפנדיקע גריכישע, שפאנישע און כינעזישע יוגנטלעכע; פון דער „ליגע פון יונגע קאמוניסטן אין ענגלאנד ווי אויך פון די יוגנט־ארגאניזאציעס פון די ברידערלעכע סלאווישע פאלקס־רעפובליקן, פון בולגאריע, טשעכאסלאוואקיע, יוגאסלאוויע און א דעלע־גאציע פון אונגארן. באזונדערס פריינטלעך זיי־נען אויפגענומען געווארן די דעלעגאטן פון דער קעמפערישער פוילישער יוגנט־ארגאניזאציע אין פראנקרייך „גרונוואלד".

כמעט א טאג צייט האבן געדויערט די בא־גריסונגען. פאר די דעלעגאטן זיינען צוגעגרייט געווארן ספעציעלע מתנות אויסגעארבעטע דורך די יוגנטלעכע פון די פוילישע פאבריקן. צווישן אנדערע איז איבערגעגעבן געווארן דורך ז. וו. מ.־קרייז ביים יידישן וואיעוואדישן קאמיטעט אין ווארשע א פאקעט מעדיקאמענטן פאר דער גריכישער דעלעגאציע.

אין זיין באגריסונגס־ווארט האט דער גע־נעראל־סעקרעטאר פון פ. פ. ר. ח' „וויעסלאוו" אנגעצייכנט די גרונט־ליניען פאר דער ארבעט פון ז. וו. מ. פעסטשטעלנדיק, אז דער פארבאנד מוז גיין אויפן וועג פון ארגאנישער איינהייט צווישן די פארשידענע יוגנט־ארגאניזאציעס אין פוילן. „דער ז. וו. מ. — האט געזאגט חבר „וויעסלאוו" — איז נישט קיין פארטייאישע ארגאניזאציע און מיר שטרעבן נישט דערצו, אז זי זאל זיין אזעלכע. איר ציל איז קודם־כל דערציען א געזונטן, שעפערישן יונגן דור, וועלכער זאל זיך מיט לייב און לעבן איבערגע־געבן דער פוילישער פאלקס־רעפובליק. אויף דער באזע דארף און קאן געשאפן ווערן איין אלגעמיינע איינהייטלעכע יוגנט־ארגאניזאציע אין פוילן".

אין דעם גייסט איז פארגעקומען די גאנצע ווייטערדיקע ארבעט פון צוזאמענפאר. עס איז געהאלטן געווארן אן אידעיש־פאליטישער רע-פעראט דורכן חבר קאוואלסקי און א באריכטס־רעפעראט (ח' מאיעווסקי). ווען ח' מאיעווסקי האט פעסטגעשטעלט, אז די ארגאניזאציע ציילט שוין ביי היינט־צו־טאג 340 טויזנט מיטגלידער און אז ס'איז רייף געווארן דער מאמענט צו ווארפן דעם לאזונג — „א מיליאן מיטגלידער אין ז. וו. מ." האט דער זאל אויפגעשטורעמט מיט אפלאדיסמענטן סקאנדירנדיק עטלעכע מינוט מי-ליאן! מי־ליאן!

עטלעכע צענדליק חברים האבן זיך באטיי־ליקט אין דער דיסקוסיע, וועלכע האט בא־האנדלט די גרונט־פראבלעמען פון פראקטישער ארבעט אויף די ערטער, פון צוזאמענארבעט מיט אנדערע יוגנט־ארגאניזאציעס א. א. וו.

פארענדיקט האט זיך דער צוזאמענפאר מיטן אויסוויילן נייע אנפירנדיקע אינסטאנצן און אננעמען דעם נייעם סטאטוט.

דער צוזאמענפאר האט אפגעשלאסן אן עטאפ אין דער ארבעט פון „פארבאנד פון יונגע קעמפער". פינף שווערע יארן פון קאמף און בויונג. נאך נישט אלץ איז דערגרייכט געווארן דורכן אוואנגארד פון דער פוילישער יוגנט. עס איז נאך געבליבן פיל צו טאן ביים דערציען און איבערדערציען דעם יונגן דור אין פוילן.

די מונטערע שטימונג פון אלע דעלעגאטן, זייער ענטוזיאזם און קאמפס־גרייטקייט, איז א גאראנטיע, אז זיי וועלן טריי בלייבן דעם לא־זונג — „געבוירן האט אונז די טאטע!" און מיט דער הערא־ישער טאט פון ארבעט און בויונג וועלן זיי מארשירן פארויס צו אלץ נייע און נייע דערפאלגן!

## באגריסונגס־טעלעגראמע

### פון דער יוגנט־אפטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן

### צום ערשטן לאנד-צוזאמענפאר פון פארבאנד פון יונגע קעמפער (ז.וו.מ.)

די יוגנט־אפטיילונג ביים צ. ק. פון די יידן אין פוילן שיקט איבער דעם ערשטן לאנד־צוזאמענפאר פון פארבאנד פון יונגע קעמפער ז. וו. מ. אירע הארציקסטע ווונטשן. זאל אייער טעטיקייט באקרוינט ווערן מיט דערפאלג ביים דערציען די יונגע בויער פון דעם נייעם דע־מאקראטישן פאלקס־פוילן.

יוגנט אפט. ביים צ. ק. פון די יידן אין פוילן.

**חיים האלצמאן**

# דרור — באראכאוו-יוגנט

## צו דער פאראייניקונג פון ביידע יוגנט-ארגאניזאציעס

מיט א קורצער צייט צוריק האבן זיך פאראייניקט צוויי יידישע יוגנט־באוועגונגען: „דרור" און „באראכאוו-יוגנט" וועלכע איז געקומען אין רעזולטאט פון א לאנג־יעריקן דערנענטערונגס-פראצעס, וועלכער האט דערפירט צו זייער אידעישער אידענטיפיקאציע און צו דער מעגלעכקייט פון זייער צוזאמענגיסן זיך אין איין ארגאניזאציע, וועלכע האט אנגענומען דעם נאמען „פאראייניקטע חלוצישע פועלי - ציון יוגנט, דרור — באראכאוו־יוגנט".

נישט צופעליק געפינט זיך די באצייכענונג „חלוצישע" אויפן ערשטן ארט. ווייל די באוועגונג איז אין אלע לעבנס-פראגן א חלוצישע. חלוציזם איז נישט קיין שמאלער באגריף, ער באדייט נישט נאר לעבן אין קיבוץ און קאלאניזירן די מדבריות פון א"י, כאטש צו דעם, קודם כל, פארפליכטעט די באוועגונג אירע חברים. חלוציזם איז א וועג אין דער דערציונג, דאס זיינען אייגנארטיקע פרינציפן אין דער דערציונג. דער וויכטיקסטער פון די דאזיקע פרינציפן איז זעלבסטפארווירקלעכונג (הגשמה עצמית). דאס באדייט, עס קאן נישט זיין קיין מינדעסטער ריס צווישן ווארט און טאט; אז אלץ, וואס די באוועגונג פראקלאמירט דארפן אירע חברים פערזענלעך רעאליזירן.

חלוציזם, דאס איז א דערציונג, וואס שאפט די באדינגונגען פאר מאקסימאלער אקטיוויטעט פון יעדן מענטש אויף אלע געביטן. חלוציש דערציען הייסט, דערציען געזעלשאפטלעך און דער העכסטער אויסדרוק פון לעבן געזעלשאפטלעך איז לעבן אין קאמונע, אין קיבוץ. אונזער חלוציזם בינדט זיך ענג מיטן קיבוצישן לעבן און אויב מיר זאגן, אז מיר זיינען א חלוצישע באוועגונג, פליסט פון דעם במילא ארויס, אז מיר זיינען א קיבוצישע באוועגונג. מיר בויען קיבוצים און אונזער באוועגונג פארפליכטעט אלע אירע חברים צו לעבן אין זיי, נישט נאר צוליב ציוניסטישע טעמים, נישט נאר צוליב דעם, וואס די הויפט-אויפגאבע פון ציוניזם איז קאלאניזאציע און דער וויכטיקסטער און עפעקטיווסטער מכשיר פון קאלאניזאציע איז דער קיבוץ, נאר אויך צוליב סאציאליסטישע און צוליב דערציערישע טעמים. מיר בויען קיבוצים, ווייל אזוי ארום דערציען מיר מענטשן, וואס נישט נאר זיי *טראכטן* סאציאליסטיש נאר *לעבן* אויך סאציאליסטיש. מענטשן, וואס זיינען סאציאליסטן נישט נאר לויט זייער איבערצייגונג נאר אויך לויט זייער *זיין*.

אויב מיר האלטן זיך ביים קאלאניזאטארישן ציוניזם און פארווירקלעכנדיקן סאציאליזם, ווערט דאס נאך מער באקרעפטיקט דורך דעם פאליטישן כאראקטער פון אונזער יוגנט־באוועגונג. די „דרור־באראכאוו יוגנט" איז די יוגנט פון דער פאראייניקטער „פועלי־ציון"־פארטיי און צוזאמען מיט איר פירן מיר דעם פאליטישן קאמף סיי אויפן ציוניסטישן פראנט, — פאר א פראגרעסיווער אריענטאציע פון ציוניזם, פארן פארבונדן דעם ציוניזם מיט די פראגרעסיווע כוחות אויף דער וועלט און פאר דער העגעמאניע פון דער ארבעטער־באוועגונג אין ציוניזם; סיי אויפן פוילישן פראנט, — פארן פארשטארקן די פאזיציעס פון דער פוילישער דעמאקראטיע און קעגן די אנגריפן פון דער אינלענדישער און אויסלענדישער רעאקציע קעגן נייעם פוילן; סיי אויפן סאציאליסטישן פראנט. כאטש מיר שאצן אפ דעם אומגעהייער גרויסן סאציאליסטישן ווערט פון קיבוץ, פארשטייען מיר אבער, אז נישט דאס איז דער וועג צום אלגעמיינעם זיג פון סאציאליזם. דער וועג צום זיג איבערן קאפיטאליזם איז דער אלגעמיינער קאמף פון ארבעטער־קלאס פאר א נייער ארדענונג. מיר ווייסן אויך, אז דער וועג צום סאציאליזם איז נישט קיין פרידלעכער און פירט נישט דורך רעפארמען. מיר דערקלערן זיך דערפאר אלס קעגנער פון רעפארמיסטישן פליגל אין דער ארבעטער־באוועגונג און געהערן צום לאגער פון רעוואלוציאנערן סאציאליזם.

מיר זיינען א באוועגונג פון דער יידישער יוגנט, מיר דינען דעם יידישן פאלק, ווייל דער גורל פון יידישן פאלק אומעטום איז אונז נאענט און טייער.

אזוי ווי ביז איצט וועלן מיר ארבעטן און ווירקן אין דעם יידישן ישוב אין פוילן אויף אלע געביטן פון יידישן געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן, געבן אונזער צושטייער, כדי צו פארוואנדלען דאס פוילישע יידנטום אין א פראדוקטיוו-שעפערישן און נאציאנאל-אויפשטייגנדיקן ישוב". די פאראייניקונגס־פלאטפארם שטעלט אויך פעסט, אז „מיר וועלן זיין דער סטימולירנדיקער כוח... אין דער פארשפרייטונג פון אונזער נאציאנאלער קולטור אין יידיש און אין העברעיש, ווי אויך העלפן דער אנטוויקלונג פון שול־וועזן אין ביידע שפראכן".

---

דער פועלי-ציוניזם האט געשאפן דעם סינטעז פון נאציאנאלער באפרייונג פון יידישן פאלק — ציוניזם און סאציאלער באפרייונג פון ארבעטער־קלאס — סאציאליזם. די פועלי־ציוניסטישע יוגנט האט דעם דאזיקן סינטעז ווייטער אנטוויקלט, פארוואנדלענדיק אים אין א סינטעז פון חלוצישן ציוניזם און פארווירקלעכנדיקן סאציאליזם. די גאנצע פועלי־ציון באוועגונג צוזאמען האט אויך געשאפן א סינטעטישע שעפערישע באציונג סיי צו דער יידישער, סיי צו דער נייער העברעישער קולטור.

מיט דער פאראייניקונג פון ביידע באוועגונגען וועלן די סינטעזן זיין שטארקער און פרוכטבארער. דערפאר איז די פאראייניקונג א שעפערישע און געזונטע, און דערפאר איז אויך דא א גרונט צו גלויבן, אז די פאראייניקטע באוועגונג וועט שפילן נאך א גרעסערע ראל אין יידישן לעבן ווי ביז איצט.

# באגריסונג פון דער יוגנט-אפטיילונג ביים צ.ק.

## צו דער פאראייניגונג פון „דרור" און „באראכאוו-יוגנט"

דער לייטער פון דער יוגנט-אפטיילונג ביים צ. ק. פון די יידן אין פוילן, ח' זאווידאוויטש, האט אין נאמען פון דער יוגנט־אפטיילונג ביים צ. ק. באגריסט די פאראייניקונגס־קאנפערענץ פון די יוגנט־ארגאניזאציעס „דרור" און „באראכאוו-יוגנט". דער ח' פ. זאווידאוויטש האט צווישן אנדערע געזאגט:

„פאר אונזערע אויגן איז געשען א גרויסער נס: ווי לאנג איז עס, ווען ס'האבן אנגעהויבן ארויסצוקומען פון די בונקערס קראנקע און אפגעריסענע, אן נאענטע און אן א היים; ווען עס זיינען צוריקגעקומען פון ר"פ די געראטעוועטע יידן און האבן נישט געטראפן קיין נאענטן, קיין פריינט. אבער ס'איז אדורך בלויז א קורצע צייט און מיר זיינען עדות, ווי אויף דער פוילישער ערד הויבט זיך אויף א ניי געזונט יידיש לעבן, וואס גייט אויף און צעבליט זיך.

דאס געפערלעכסטע פראבלעם איז צו יענער צייט געווען דאס יוגנט־פראבלעם. יוגנט אן א פאך, אן א היים, אן וועלכע ס'איז פערספעקטיוון אין לעבן און אן עלטערן.

און היינט — האבן מיר אן ערך 12 הונדערט יידישע סטודענטן, וועלכע שטודירן אין אלע שטעט, ווו ס'זיינען דא הויך־שולן; אן ערך 1000 מיטל-שול־יוגנט ארבעטן אויף אלע אפשניטן פון מלוכהשן און פריוואטן לעבן, אין דער אינדוסטריע און מלאכה; ס'איז נישטא דאס ארט, ווו יידישע יוגנט זאל נישט אנקומען, אויב זי איז נאר פעיק.

ווי אזוי האבן מיר באוויזן צו דערגרייכן אזעלכע רעזולטאטן אין אזא געוואלטיק קורצער צייט?

דאס איז געשען: ערשטנס, דערפאר וואס מיר האבן ס'ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון פוילן, אן עכט־דעמאקראטישע פאלקס-מאכט, וועלכע באזייטיקט מיט א גענייטער האנט אלע רעשטלעך פון דער רעאקציע, און צווייטנס א דאנק דער איינהייטלעכקייט פון יידישן ישוב אין פוילן, א דאנק דער קאלאסאלער געמיינזאמער אנשטרענגונג פון אלץ, וואס איז פראגרעסיוו, וואס ס'איז לעבעדיק און יידישן לעבן.

די ערשטע, וואס האט גערופן צו איינהייט אויף דער יידישער יוגנט-גאס איז געווען די יוגנט-אפטיילונג ביים יידישן קאמיטעט. זי איז עס געווען די, וואס האט געשאפן די פארשטענדיקונגס־קאמיסיעס, וועלכע האבן איינגעשריבן זייער הערלעך בלאט אין דער געשיכטע פון יידישן יוגנט-לעבן: צי דאס איז געווען ביי די סיים־וואלן, אדער ביי די געטא-קאמפאניעס, צי גאר אין די אקציעס פון אויפבוי פון ווארשע — אומעטום זיינען געמיינזאם געשטאנען אין קאמף פאר א נייעם שיינעם מארגן די בעסטע יידישע יוגנט פון אלע אן אויסנאם דעמאקראטישע ארגאניזאציעס.

מיר ווילן האפן, אז אייער היינטיקע פאראייניקונג איז אן אנהויב פון א ווייטערער און טיפערער איינייקונג אין נאמען פון אונזער אויסגעפרווט פאלק, אין נאמען פון גליק פון אונזער יוגנט.

אין טאג פון אייער יום־טוב, חברים פון די יוגנט־ארגאניזאציעס ביי די פועלי ציון-פארטייען ווינטשן מיר אייך דערפאלג אין אייער ארבעט ביים הויבן דעם ניווא פון אייערע מיטגלידער, ביים בויען דעם יידישן ישוב אין פוילן, ביים שטארקן די פראגרעסיווע כוחות אומעטום ווי איר זייט, צום וווּל פון דער יידישער יוגנט אין פוילן און אין דער **גארער וועלט**.

# השומר הצעיר

## די טעטיקייט אין דער באוועגונג

מיט א קורצער צייט צוריק איז אין ווראצלאוו פארגעקומען א סעמינאר פאר די מנהלים פון דער באוועגונג אין פוילן. עס האבן אנטיילגענומען 76 מנהלים. אין די פארהאנדלונגען האט זיך באטייליקט א מיטגליד פון דער הנהגה העליונה י. מאיום.

*

אין לאדזש האט דער קן אנטיילגענומען אין פעסטיוואל פון די יוגנט־ארגאניזאציעס, וואס איז ארגאניזירט געווארן דורך דער יוגנט־אפטיילונג ביים יידישן קאמיטעט. דער „געטא־טאנץ", וואס איז אויסגעפירט דורך א גרופע יוגנטלעכע פון קן (רעזשיסירט דורך דעם רעזשיסאר ה' גלאנץ און באלעט־מייסטערין ח'טע ענדלער), האט ארויסגערופן פיל בייפאל ביי אלע אנוועזנדיקע.

*

אין שטשעטשין איז פארגעקומען אן עפנטלעכע יובל־אקאדעמיע פון קן. די ארטיסטישע טייל, וואס איז צוגעגרייט געווארן דורך די ארטיסטן מרים האבער און אויסגעפירט דורך די חברים פון קן — איז שטארק אפלאדירט געווארן, דורך די עלטערן, פריינט און סימפאטיקער, וואס האבן פארפולט דעם זאל.

*

אין קראקע האט דער קן ארגאניזירט אן עפנטלעכן אוונט. דער טעקסט, ווי אויך די פולע צוגרייטונג און אויפפירונג איז געמאכט געווארן דורך די חברים פון קן. ספעציעל פון דער עדת בוגרים. אויפן פארלאנג פון פובליקום איז דער פראגראם איבערגעחזרט געווארן א צווייט מאל.

*

אין דזשערזשאניוו האט דער קן אנטיילגענומען אין דער מאניפעסטאציע פון דער סאציאליסטיש - דעמאקראטישער יוגנט. דער קן האט געטראגן — דורך אים צוגעגרייט — א מאקעט פון דער שיף פון מעפילים „עקזאדוס 1947". נאך דער מאניפעסטאציע איז פארגעקומען אין קן אן עפנטלעכע מסיבה, אין וועלכע עס האבן אנטיילגענומען פארשטייער פון פוילישע יוגנט־ארגאניזאציעס, וועלכע האבן זיך באקאנט מיט דער טעטיקייט פון אונזער באוועגונג און איר באגריסט.

*

אין אלע קנים ווערט אינטענסיוו געפירט די אקציע אויף צו לערנען העברעיש. אין טייל שטעט זיינען צו דעם צוועק ארגאניזירט געווארן ספעציעלע קורסן, אין וועלכע עס נעמען אנטייל שומרים און סימפאטיקער. אין אנדערע שטעט איז עס געווארן אן אינטעגראלער טייל פון דער דערציערישער ארבעט, וואס עס פירן די קבוצות.

אין ווראצלאוו, אין די ארגאניזירטע דורכן קן, עפנטלעכע קורסן, אויף צו לערנען עברית און ענגליש, נעמען אנטייל 150 יוגנטלעכע. זיי ווערן געפירט דורך געניטע לערער.

* * *

אין דער באוועגונג ווערט געפירט אן אקציע פון ארגאניזירן ארבעטס־ווארשטאטן. דערגרייכונגען אויף דעם געביט האבן שוין די קנים אין דזשערזשאניוו, וועלכע האבן ארגאניזירט א ראדיא־טעכנישן ווארשטאט, שטשעטשין — מאנאגראפישע קרייזן און וולאצלאוועק — אן איינבינדעריי.

* * *

די קנים אין לאדזש, וואלבזשיך און דזשערזשאניוו זיינען איבערגעגאנגען אין נייע לאקאלן. אומעטום זיינען איינגעארדנט געווארן ספעציעלע צימערן, אין וועלכע די שילער האבן מעגלעכקייטן צוגרייטן די לעקציעס. די לערן־צימערן געפינען זיך אונטערן אויפזיכט פון מנהלים, וועלכע העלפן די קינדער צוגרייטן די לעקציעס.

* * *

אין אלע קנים גרייט מען זיך צו די ווינטער־קאלאניעס. צוליב דער פארויסגעזעענער גרויסער צאל אנטיילנעמער ווערן ארגאניזירט דאס יאר ארטיקע קאלאניעס, קרייז־קאלאניעס און צוויי צענטראלע פאר די עלטערע שיכטן.

# כינוסים פון „גורדוניה"

רעאליזירנדיק דעם באשלוס פון דער 4־טער לאנד־קאנפערענץ פון „גורדוניה" זיינען לעצטנס גערופן געווארן אין גאנצן לאנד געגנטלעכע באראטונגען פון אקטיוויסטן. אין ריכבאך איז פארגעקומען א כינוס פון יונגע אקטיוויסטן פון די קנים אין נידערשלעזיע, וועלכע האט געהאט די אויפגאבע צו רעאזומירן די ביזאיצטיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון דערציונג, אנצייכענען א וועג אויף דער נאענטסטער צוקונפט און אויך צוגרייטן א פרישן אקטיוו, וועלכער זאל איבערנעמען די ארבעט אויף די ערטער. די יונגע חברים האבן מיט אינטערעס אויסגעהערט דעם באריכט פון משה דעמבסקי וועגן דער דערציונגס־ארבעט אין די קנים און דעם אינהאלטסרייכן רעפעראט פון יהודה פריידנרייך, וועגן די אויפגאבן פון אונזער יוגנט־באוועגונג. נאך די באריכטן פון אלע קנים האט זיך אנטוויקלט א דיסקוסיע, וועלכע איז געשטאנען אויף א הויכן ניווא און ארויסגעוויזן א וווקס פון אונזער יוגנט. זינט דער לעצטער לאנד־באראטונג איז אין אלע קנים פארגעקומען א רעארגאניזאציע פון דער זעלבסט־פארוואלטונג און די יוגנט איז איבעראל איינגעטיילט געווארן אין באזונדערע גרופן לויט דעם עלטער און בילדונגס־ניווא. אין די רעפעראטן איז אונטערגעשטראכן געווארן די נויטיקייט פון פארשטארקן די קולטורעלע ארבעט, אקטיוויזירן וואס מער מיטגלידער און אנקניפן אן ענגן קאנטאקט מיט די ארטיקע פארטיי - קאמיטעטן. מען האט באשלאסן צו פארטיפערן די חלוצישע דערציונג און אויסארבעטן א געמיינזאמען ארבעטס־פלאן. צו דעם צוועק איז געשאפן געווארן א מועצה גלילית (וואיעוואדישער ראט) אין וועלכן עס זיינען אריין די חברים: משה דעמבסקי, דאלעק ווערנער, דוד ברענער, מיכאל לוביטש און צו איין פארשטייער פון יעדן קן.

אויך אין קראקע איז פארגעקומען א כינוס פון אקטיוויסטן אין אויבערשלעזיען און קראקע, אויף וועלכן יהודה האט געהאלטן א רעפעראט וועגן אונזער טעטיקייט צווישן דער יידישער יוגנט אין פוילן. פון די באריכטן און דיסקוסיע האט זיך ארויסגעוויזן, אז אין טייל ערטער זיינען אונזערע קנים די צאלרייכסטע און פירן א פארצווייגטע טעטיקייט. מ'האט באשלאסן צו פארטיפן די חלוצישע דערציונגס־ארבעט, פארגרעסערן די קק"ל־טעטיקייט, אנקניפן א קאנטאקט מיט די עלטערן און מיט די ארטיקע פארטיי־קאמיטעטן. אין דער אויסגעוויילטער מועצה גלילית זיינען אריין: אטא קראמער, משה אמסטער, אינא ווייסבערגער, טאדעק און פארשטייער פון די קנים.

אלע דעלעגאטן האבן אנטיילגענומען אין דער פייערלעכער אנטהילונג פון פאן (שטאנדאר), וועלכן ס'האט באקומען דער קראקעווער קן. אין דעם איבערפולטן זאל פון פארטיי־קאמיטעט האבן אריינמארשירט די יונגע גורדוניסטן און זיך געשטעלט צום מפקד. מיט באגריסונגען זיינען ארויסגעטראטן: ח' מגר. הורפערט — אין נאמען פון דער פאראייניקטער פארטיי פועלי ציון צ. ס.—התאחדות; ח' האלפערן — פון „קרן קימת לישראל"־קאמיסיע, פארשטייער פון „השומר הצעיר", „דרור־באראכאוו־יוגנט" און פון אנדערע קנים. אין נאמען פון דער הנהגה הראשית פון „גורדוניה" איז ארויסגעטרעטן יהודה פריידנרייך, און גערופן די יונגע חברים צו פארשטארקן אונזער חלוצישע באוועגונג, בכדי צו רעאליזירן די גרויסע אויפגאבן, וועלכע שטייען היינט פארן יידישן פאלק — דאס בויען א יידישע סאציאליסטישע מדינה אין ארץ־ישראל.

אין דער צייט פון די ווינטער־פעריען, ארגאניזירט די „גורדוניה" ווינטער־קאלאניעס פאר די חברים פון די קנים, אין די סודעטן־בערג אין שטעטל לובאווקע. אין א געוועזענעם דייטשן טוריסטן־הויז וועט זיך דעם 23 ד. ח. צוזאמענקומען די יוגנט און פארברענגען צוויי וואכן אויף דער שויס פון דער נאטור.

אויף דער קאלאניע ווערט פארויסגעזען א ברייטע קולטורעלע, ספארט און סקויטישע טעטיקייט.

יהודה בן ישראל.



די קבוצה פון „גורדוניה" אין פילאווע

---

# יידישע יוגנט אין דזשערזשאניוו פארן דענקמאל פון די העלדן אין ווארשעווער געטא

לויט דער איניציאטיוו פון דער יוגנט־אפטיילונג ביים יידישן קרייז־קאמיטעט און יוגנט־פארשטענדיקונגס־קאמיסיע אין דזשערזשאניוו איז דורכגעפירט געווארן א ברייטע זאמל־אקציע אויפן פאנד פון דענקמאל פאר די העלדן פון ווארשעווער געטא.

די ווענדונג צו שפענדן 10 פראצ. פון די באקומענע יוגנט־סטיפענדיעס איז דורך אונזער יוגנט אויפגענומען געווארן מיט גרויס פארשטענדעניש און הארציקייט.

די אקציע צווישן דער יוגנט ביי אונז אין שטאט האט געגעבן העכער 40.000 זל.

# אקאדעמישע
## טריבונע

## אויפרוף
### צו דער יידישער באפעלקערונג

מיט א קורצער צייט צוריק איז פראקלא-מירט געווארן די אינטערנאציאנאלע סטודענטן-וואך. די פוילישע פריינטשאפט-געזעלשאפט פון אקאדעמישער יוגנט, האט אין די ראמען פון דער וואך אנטוויקלט אן אינטענסיווע טע-טיקייט. די געזעלשאפט האט זיך געווענדעט מיט א פלאמיקן אפעל צו דער פוילישער עפנט-לעכקייט וועגן שטיצן די אימפרעזעס פון געלט-זאמלונגען, וואס וועלן איינגעארדנט ווערן אין דעם פעריאד.

אויך די יידישע אקאדעמישע יוגנט האט זיך באטייליקט אין דער אקציע. די יידישע אקאדעמיקער האבן זיך געווענדעט צו דער יידי-שער געז. מיט א אויפרוף צו שטיצן די סטו-דענטן-אקציע. גלייכצייטיק שטעלן מיר פעסט, אז נישט קוקנדיק אויף דער גוטער באציונג צו די יידישע סטודענטן מצד דער אקאדעמי-שער מאכט, איז די מאטעריעלע לאגע פון די יידישע סטודענטן, וועלכע זיינען אין מערהייט-זאך אן משפחות, זייער א שווערע.

די יידישע סטודענטן אפעלירן צו דער יידי-שער געזעלשאפט אין לאנד און אין אויסלאנד צו העלפן זיי מיט לערנביכער, טעכנישע און מעדיצינישע אינסטרומענטן. די ראזיקע מתנות קאן מען איבערגעבן אין די סעקרעטאריאטן פון די יוגנט-אפטיילונגען ביי די יידישע קא-מיטעטן, אונטערשטרייכנדיק גלייכצייטיק, אז דאס איז געגעבן געווארן פאר די סטודענטן.

באמערקונג פון רעדאקציע: די זאמל-אקציע פאר יידישע סטודענטן צווישן דער יידישער געזעלשאפט אין ווארשע האט געגעבן גוטע רעזולטאטן.

עס איז אריינגעפלאסן א גרעסערע סומע געלט ווי אויך לערנביכער און מעדיצינישע אינסטרומענטן. מיר רופן די יידישע עפנטלעכ-קייט פון לאנד און אויסלאנד נאכצוטאן דעם ביישפיל פון די ווארשעווער יידן.

## יידישע סטודענטן אין ווארשע

אונזער קרייז, וועלכער ציילט 180 סטו-דענטן און 80 שילער פון מיטלשולן, פירט א סיסטעמאטישע ארבעט צווישן דער זיך לערנענ-דיקער יידישער יוגנט אין ווארשע. די יוגנט, וועלכע איז טעטיק אין אונזער קרייז, נעמט אן אקטיוון אנטייל אין אלע אקציעס, וועלכע עס ארגאניזירט דער יידישער וואיעוואדישער קאמיטעט. אזוי צום ביישפיל ביים אפרייניקן דאס ארט, וווּ עס דארף געשטעלט ווערן דער דענקמאל לכבוד די געטא-העלדן, זיינען מיר געווען די צאלרייכסטע גרופע ארבעטנדיקע. אויך אין דער זאמל-אקציע פארן דענקמאל האבן מיר גענומען אן אקטיוון אנטייל. די קול-טור-קאמיסיע ביים קרייז באמיט זיך צו באקע-נען די אקאדעמישע יוגנט מיט דער יידישער קולטור. די ביבליאטעק, וואס דער קרייז פאר-מאגט, ציילט איבער 400 בענדער. די סטאטוט-קאמיסיע ביים קרייז האט באארבעט א סטאטוט פראיעקט, וועלכער וועט אויף דער נאענטסטער פארזאמלונג אפגעגעבן ווערן צו דער אפשטי-מונג. עס קומען פאר באמיונגען צו באקומען מאטעריעלע הילף פון „דזשאינט", „סאלידאר-נאשטש" און אנדערע אינסטיטוציעס. ביז היינט צו טאג פארמאגט נאך נישט ווארשע קיין בורסע פאר שטודירנדיקער יידישער יוגנט. דער סטו-דענטן-קרייז האט נאך נישט באקומען קיין פא-סיקן לאקאל פאר א לייען-זאל, ווו עס וואלט געקאנט זיך לערנען די יוגנט, וועלכע האט נישט קיין אייגענע לאקאל-מעגלעכקייטן. מיר גלויבן, אז אונזערע באמיונגען וועלן נישט גיין לאיבוד און אז אונזער יוגנט וועט באקומען א בורסע און א לייען-זאל.

דער יידישער סטודענטן-קרייז אין ווארשע נעמט אן אקטיוון אנטייל אין אויפבוי פון יידישן לעבן אין פוילן.

סאמעק ריכטער.

## ביי די אקאדעמיקער אין ווראצלאוו

אין זאל פון דער יידישער קולטור-געזעל-שאפט אין ווראצלאוו איז פארגעקומען די יער-לעכע וואל-פארזאמלונג פון די 300 יידישע אקא-דעמיקער.

נאכן אויסהערן דעם באריכט פון א יאר טע-טיקייט פון דער פארוואלטונג, באקומט דאס ווארט דער פארשטייער פון דער יוגנט-אפטיי-לונג ביים וו. יי. ק., מ. גור-ארי. ער ווארפט פאר די יידישע אקאדעמיקער, אז זיי זיינען ווייניק אקטיוו אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן און רופט צו באנייען די טעטיקייט אויפן געביט פון יידישער קולטור.

ד"ר פלאצקער רעדט ארום א ריי יוגנט-פראבלעמען, און שטעלט זיך אפ אויף דער נויט-ווענדיקייט צו פארשטארקן די אחריות פון יידישן סטודענט פארן גורל פון יידישן ישוב, ענגער צונויפבונדן זיך מיט יידישע קולטור-פראבלעמען און אקטיוו העלפן דער אנטוויקלונג פון דער יידיש-נאציאנאלער קולטור.

עס אנטוויקלט זיך א דיסקוטיע, אין וועלכער עס נעמען אנטייל די סטודענטן: ברענער, לעווי-טאן, גארבער, סטרובעל, ראסלער, רייך, קאס-ווינער און אנד.

נאכן אויסדריקן צוטרוי דער אפטרעטנדי-קער פארוואלטונג, ווערט אויסגעוויילט א נייע, אין וועלכער עס גייען אריין: ראסלער, פלאצ-קער, קריג, קוועטשער, קריינדלער, לוביטש און זיימאן.

ליכטענשטיין.

## גליוויצער סטודענטן

א זייער וויכטיק ארט אין יידישן לעבן ביי אונז אין שטאט, פארנעמען די יידישע סטודענטן פון גלייוויצער פאליטעכניקום.

די יערלעכע פארזאמלונג פון סטודענטן-קרייז, האט דערוויזן, אז ס'איז אונז געלונגען צונויפצוזאמלען אונטער דער פאן פון יידישן סטודענטן-קרייז די גאנצע יידישע שטודירנדי-קע יוגנט.

עס איז דאך נישט קיין סוד, אז מיט א יאר צוריק, האט א גרויסע צאל יידישע סטו-דענטן, צוליב פארשידענע סיבות, נישט גע-וואלט, און נישט געפילט די נויטווענדיקייט צו זיין ארגאניזירט אין יידישן סטודענטן-קרייז. מיר גיבן זיך אפ א חשבון דערפון, אז נאר אין די היינטיקע באדינגונגען, וואס מיר לעבן, אז נאר אין דעם היינטיקן פאלקס-פוילן, איז פא-ראן א מעגלעכקייט צו זיין א גוטע בירגער פון דער פוילישער דעמאקראטישער מלוכה און דערביי זיך צו פילן פארבונדן מיט דעם יידישן פאלק.

צוגעהאלפן דערצו, האט אויך דער פאקט, וואס די יוגנט-אפטיילונג ביים וואיעוואדישן יידישן קאמיטעט האט איניצירט דעם געדאנק צו שאפן א היים פאר די יידישע סטודענטן, אמת, נישט אלע סטודענטן וווינען אין דער ייד. סטודענטן-היים. אבער אפילו פאר די אלע, וואס וווינען נישט אין דער בורסע, איז די בורסע געווארן דאס ווינקל, ווו עס קאנצענטרירט זיך די ארבעט פון דער גאנצער יידישער יוגנט, און אין דער ערשטער ריי פון דער שטודירנדיקער יוגנט.

אורי שאך.



דער פלאן פון צוקונפטיקן יידישן אוניווערזיטעט אין ירושלים

# ספּאָרט-ביילאַגע

## וועגן די דערגרייכונגען פון אונזערע ספּאָרט-קלובן

הייַנט צו טאָג, ווען דער זומער האָט זיך געענדיקט, ווילט זיך אונטערציִען אַ סך־הכל אונטער דער טעטיקייט פון אונזערע קלובן אין הייַ־יאָריקן זומער־סעזאָן. מ'דאַרף מודה זיַין, אַז אונזערע קלובן האָבן געטאָן אַ גרויסע אַרבעט אויפן געביט פון פיזישער דערציונג צווישן דער ייִדישער יוגנט. זיי זיַינען אַן ערנסטער כוח און אויך שטאַרקע קאָנקורענטן בייַ מייסטערשאַפט ־ פאַרמעסטונגען, אין אַלע ספּאָרט-אָפּצווייַגן, ספּעציעל אין פוטבאָל־ספּאָרט.

די צאָל קלובן האָט זיך באַדייַטנדיק פאַרגרעסערט. פון 14 קלובן און 700 מיטגלידער אין פאַריקן יאָר, איז די נעץ פון אונזערע קלובן אויסגעברייטערט געוואָרן ביז 23 און 1500 מיטגלידער הייַ־יאָר.

די פאַרמעסטונגען זיַינען סיי לויט דער צאָל, סיי לויטן פאַרנעם און דער קענטשאַפט פון די ספּאָרטלער געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. אין משך פון סעזאָן האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ גאַנצער ריי ערנסטע פאַרמעסטונגען און אימפּרעזעס ווי: די פוטבאָל־פאַרמעסטונגען מיט די בעלגישע ספּאָרטלער און אנד.

אַ צווייטע ערנסטע אימפּרעזע איז געווען דער צוזאַמענפאָר פון די ייִדישע ספּאָרט-קלובן אין אויבער־שלעזיע אין גלייוויץ, וווּ די יונגע ספּאָרטלער פון ביעלסק, ביטאָם, גלייוויץ און סאָסנאָוויעץ האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו דעמאָנסטרירן זייער קענטשאַפט אין זייערע דערגרייכונגען אויפן ספּאָרט-געביט. דער פּראָגראַם פון צוזאַמענפאָר איז געווען זייער אַ רייַכער: פוטבאָל, לייכט־אַטלעטיק און ספּאָרט־שפּילן. אינטערעסאַנט איז, אַז יעדער קלוב האָט פאַרנומען אַן ערשט אָרט אין באַזונדערע ספּאָרט ־ דיסציפּלינען, למשל: „זש. ק. ס." ביעלסק האָט פאַרנומען אין דער אַלגעמיינער פּונקטאַציע דאָס ערשטע אָרט אין לייכט־אַטלעטיק. ביטאָם דאָס צווייטע אָרט, מיט 5 פּונקטן אין דער אַלגעמיינער פּונקטאַציע און דאָס ערשטע אָרט אין פוטבאָל. גלייוויץ האָט פאַרנומען דאָס 3־טע אָרט מיט צוויי פּונקטן און דאָס ערשטע אָרט אין נעץ-באַל. דער צוזאַמענפאָר האָט געגעבן די ספּאָרטלער אַ נייַעם שווּנג צו וויַיטערדיקער טעטיקייט און האָט גלייַכ־צייַטיק געהאָלפן אָנקניפּן ענגערע באַציִונגען צווישן איין קלוב און דעם אַנדערן.

פּאָפּולער איז אויך געוואָרן דער פּינג־פּאָנג־טורניר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אויגוסט חודש, אין וראָצלאַוו — אָרגאַניזירט דורך דעם ייִדישן ספּאָרט־קלוב. אין דעם טורנע האָבן אָנטייל גענומען די קלובן: „קראַקאָוויא" פון קראַקע, „ה. מ. טור" פון יעלעניע־גורע, „ר. ק. ס." פון כאָזשוו, „זש. ק. ס." פון וואַלבזשיך, „זש. ק. ס." פון וראָצלאַוו, „א. ז. ס." פון וראָצלאַוו, „י. מ. ק." פון וראָצלאַוו, „גאַסטראָנאָמיא" פון וראָצלאַוו, „י. ק. ס." פון וראָצלאַוו און אַ סך אַנדערע נישט אָרגאַניזירטע ספּאָרטלער. דער ניוואָ פון די פאַרמעסטונגען איז געווען זייער אַ הויכער און ער האָט דערוועקט גרויס אינטערעס ביים פאַרזאַמלטן עולם. דער טורנע האָט געדויערט צוויי טעג.

דאָס ערשטע אָרט און דעם זילבערנעם בעכער האָט דעראָבערט בלאַנדער (דער מייסטער פון פּוילן) פון „קראַקאָוויא". דאָס 4 אָרט האָט דער־אָבערט קוקאָווקא פון „זש. ק. ס." וראָצלאַוו.

סומירנדיק די דערגרייכונגען אין הייַ־יאָריקן סעזאָן, קומט מען צום אויספיר, אַז די אויפגאַבע פון אונזערע קלובן איז: אינטענסיוו זיך צו גרייטן צום ווינטער, זאַמלען נאָרמאַן־אינווענטאַר, גליטשערס א. א. קאָנטינואירן די איבונגען פון אונזערע פוטבאָליסטן, גימנאַסטן און לייכט-אַטלעטן אין די גימנאַסטישע זאַלן. דאָס וועט אונז געבן די מעגלעכקייט צו דער־האַלטן די שטאַנדהאַפטיקייט פון אונזערע ספּאָרטלער בכדי, אויף דעם קומענדיקן זומער־סעזאָן זאָלן זיי קאָנען אַרויסגיין אויפן ספּאָרט־פעלד אין פולער גרייטקייט.

## טעטיקייט פון זשאַראַווער ספּאָרט-קלוב

אין זשאַרי געפינט זיך אַ ייִדישער ישוב וואָס ציילט אַרום 750 ייִדן. נישט קוקנדיק אויף דער קליינער צאָל פון דער באַפעלקערונג איז געלונגען, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע יוגנטלעכע ליבהאָבער פון ספּאָרט צו שאַפן אַן אייגענעם קלוב. די גרינדונג פון ספּאָרט־קלוב איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער פאַריקן יאָר. מיר האָבן אָרגאַניזירט פאַרשידענע סעקציעס: גימנאַסטיק, באָקס און א. ז. וו. די גאַנצע אָנשטרענגונג איז געלייגט געוואָרן ביים אָרגאַניזירן אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט. אויף דעם דאָזיקן געביט ווערט געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט. אָט אַזוי הויבט זיך אָן אונזער קלוב צו אַנטוויקלען. ס'קומען פאָר צוויי מאָל אין דער וואָך איבונגען. מיר האָבן אָדורכגעפירט אין זומער־סעזאָן 11 פרייַנטשאַפטס־פאַרמעסטונגען סיי אין זשאַרי, ווי אויך אין דער־אַרומיקער געגנט. פון די דאָזיקע פאַרמעסטונגען האָבן מיר 5 פאַרשפּילט און 4 געוווּנען, און צוויי רעמיסירט.

אונזער מאַנשאַפט פירט דעם צווייטן אָרט אין אונזער קרייז. זונטיק, דעם 23־טן נאָוועמבער האָט אונזער מאַנשאַפט נאָכן פאַרענדיקן די לעצטע מייסטערשאַפטס־פאַרמעסטונגען אָפּגעשלאָסן דעם זומער־סעזאָן. און שוין דעם 29טן נאָוועמבער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פּינג־פּאָנג־טורניר, כדי פעסטצושטעלן אַ מאַנשאַפט אויף דער פּינג-פּאָנג פאַרמעסטונג אין נאָוואַ סול. צווישן אונזער מאַנשאַפט און „אַדראַ" פון נאָוואַ־סול.







אַ מאָנטאַזש פון די ספּאָרט-דערגרייכונגען אין שטשעטשין

# יידישער ספּאָרט-קלוב אין שטשעטשין

דער יידישער ספּאָרט-קלוב אין שטשעטשין איז דער איינציקער יידישער קלוב אין מערב-פּאָמערן. דער קלוב איז זייער פּאָפּולער צווישן דער יידישער און פּוילישער געזעלשאַפט אין שטשעטשין. אין משך פון חודש יולי, האָט די פוטבאָל-מאַנשאַפט געענדיקט די פאַרמעסטונגען וועגן דער מייסטערשאַפט פון „צ" קלאַס באַקומענדיק דאָס ערשטע אָרט און נישט פאַרלירנדיק קיין איין פּונקט, דערפאַר האָט דער קלוב באַקומען אַ דיפּלאָם פון אַ. ז. פּ. נ.

ביים סוף סעפּטעמבער, האָבן זיך אָנגעהויבן גרופּן-פאַרמעסטונגען וועגן דער מייסטערשאַפט פון „ב" קלאַס. אין דער ערשטער רונדע האָט דער זש. ק. ס. פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט, נאָך דעם אַ. ז. ס., וועלכע פירט מיט אַן אונטערשיד פון 1 פּונקט. מ'דאַרף פעסטשטעלן, אַז די סיבה וואָס אונזער קלוב האָט נישט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט, איז דאָס, וואָס אונזערע פאַרמעסטלער זיינען פיזיש אויסגעשעפּט געוואָרן, שפּילנדיק אין דעם סעזאָן צוזאַמען מיט מייסטערשאַפט-פאַרמעסטונגען 59 מעטשן, פון דעם זיינען 52 געוואונען געוואָרן 2 רעמיסן און 5 פאַרשפּילטע.

דער קלוב גרייט זיך אין ווינטער-סעזאָן אינטענסיוו צו איבן מיט די ספּאָרטלער, כדי אין זומער-סעזאָן פון 1948 מיט נייע כוחות צו דעראָבערן דעם מייסטערשאַפטס-טיטול פון „ב" קלאַס און אריין אין „א" קלאַס.



יידישע פוטבאָל-מאַנשאַפט אין שטשעטשין

# יידישער ספּאָרט-יום-טוב אין נידער-שלעזיע

זונטיק דעם 24-טן אָקטאָבער ה. י. איז אין ביעלאַווע, אין די ראַמען פון יום-טוב פון יידישן ספּאָרט, פאָרגעקומען אַ פוטבאָל-טורנע מיטן אָנטייל פון די 4 שטאַרקסטע יידישע מאַנשאַפטן אין נידער-שלעזיע, וועגן בעכער פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט.

די צווייטע פאַרמעסטונג צווישן די מאַנשאַפטן פון ריכבאַך און וואַלבזשיך ענדיקט זיך מיטן פאַרדינטן זיג פון דער וואַלבזשיכער מאַנשאַפט 0:3. די שפּיל איז געווען אַן אינטערעסאַנטע און געשטאַנען אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ. ביי דער ריכבאַכער מאַנשאַפט באַמערקט זיך אַ באַדייטנדיקע פאַרבעסערונג אין איר פאָרם.

אין פינאַל האָבן זיך געטראָפן די קלובן פון ביעלאַווע און וואַלבזשיך. אַלס פאַוואָריט גייט אַן ביעלאַווע. די וואַלבזשיכער זיינען ארויסגעטרעטן אין בעסטן צוזאַמענשטעל. די שפּיל איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ און איז געוואָרן געפירט אין אַ שנעלן טעמפּאָ. אין דער 14-טער מינוט דערגרייכט קאָוואַלסקי אַ טויער פאַר ביעלאַווע, אויסנוצנדיק דערביי אַ פעלער פון וואַלבזשיכער פאַרטיידיקער. 10 מינוט שפּעטער דערגרייכט טענענבוים דעם צווייטן טויער פאַר ביעלאַווע. אַלע אַקציעס פון וואַלבזשיך ווערן ליקווידירט דורך דער ביעלאַווער פאַרטיידיקונג. אין דער 35 מינוט רייסט זיך אַדורך דער לינקער פליגל פון וואַלבזשיך און שיסט אַ גאָל אין טויער פון ביעלאַווע. אין דער צווייטער העלפט ווערט די שפּיל שאַרפער, די איניציאַטיוו געהערט צו וואַלבזשיך, וועלכע דערגרייכט אין דער 70-טער מינוט דעם צווייטן און שענסטן טויער פון טאָג. אַלע באַמיונגען פוןביידע צדדים צו דערגרייכן אַן איבערגעוויכט ענדיקן זיך אָן רעזולטאַט.

די שפּיל ענדיקט זיך מיט אַ רעמי 2:2.

ספּאָרט-ביילאַגע רעדאַגירט דורך נ. פערדמאַן



רעדאַגירט פון ל. קאַרנפעלד

## אויפגאַבע נר. 1

פון ד"ר עמנויל לאַסקער



ווייס ציט און גיט מאַט אין 3-טן צוג

## לעזונג פון עטיוד נר. 1

1. ש האַ3—עף2 ! ל ע4 : עף3; 2. ש עף2—רע1 ל עף3 : רע1 שאַך; 3. ק אַ4—אַ3, בע2—בע1 דאַמע אָדער טורעם, און ווייס איז פּאַט. (3... בע2—בע1 שפּרינגער; 4 ק אַ3—בע2, ש בע1—רע2; 5. ק בע2—צע1 און אַ פיגור גייט פאַרלוירן).

אַ פּראַקטישע ענדשפּיל-מיניאַטור.

---

# דוד בראָנשטיין —

## דער 20-יעריקער יידיש-סאָוויעטישער שאַך-גאון

די גרעסטע רעוואָלוציע צווישן די סאָוויעטישע שאַך-קרייזן איז איצט דער 20-יעריקער סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט דוד בראָנשטיין. אָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1946 גענומען די מאָסקווער מייסטערשאַפט, געהערט איצט צו דער סאָוויעטישער נאַציאָנאַלער שאַך-רעפּרעזענטאַנץ. בראָנשטיין איז אָנגריף-שפּילער פאַר-עקסעלאַנס. זיינע גוט-דורכגעטראַכטע דערעפענונגען און פיינע שפּיל-טעכניק, רופן תמיד אַרויס ביי אַלעמען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און באַוואונדערונג.

בכדי צו אילוסטרירן זיין עלעגאַנטן סטיל, ברענגען מיר אַן אינטערעסאַנטע מיניאַטור-פּאַרטיע, אין וועלכער ער האָט אויף אַ בליץ-אַרטיקן אופן באַזיגט דעם סאָוויעטישן גרויס-מייסטער קאָטאָוו.

## פּאַרטיע נר. 2

געשפּילט אין שאַך-טורניר וועגן דער מייסטערשאַפט פון מאָסקווע אויפן יאָר 1946.

ווייס: בראָנשטיין שוואַרץ: קאָטאָוו

קאַראָ-קאַן פאַרטיידיקונג

| | | |
|---|---|---|
| 1. | ע2—ע4 | צע7—צע6 |
| 2. | דע2—דע4 | דע7—דע5 |
| 3. | ש בע1—צע3 | דע5 : ע4 |
| 4. | ש צע3 : ע4 | ש בע8—דע7 |
| 5. | ש גע1—עף3 | ש גע8—עף6 |
| 6. | ש ע4—צע3 | ע7—ע6 |
| 7. | ל עף1—דע3 | ל עף8—ע7 |
| 8. | קורצע ראָשאַדע | צע6—צע5 |
| 9. | ד דע1—ע2 | צע5 : דע4 |
| 10. | ש עף3 : דע4 | קורצע ראָשאַדע |
| 11. | ל צע1—גע5 | ש דע7—צע5 |
| 12. | ט אַ1—דע1 ! | ש צע5 : דע3 |
| 13. | ט דע1 : דע3 | ד דע8—צע7 |
| 14. | ש דע4—בע5 | ד צע7—צע6 |
| 15. | ט עף1—דע1 | בע7—בע6 |
| 16. | ש בע5—דע4 | ד צע6—צע7 |
| 17. | ט דע3—גע3 | ק גע8—האַ8 |
| 18. | ש צע3—בע5 | ד צע7—בע7 |
| 19. | ד ע2—ע5 | אַ7—אַ6 |
| 20. | ש בע5—צע3 | ש עף6—דע7 ?? |
| 21. | ל גע5—האַ6 !! | שוואַרץ גיט אויף. |




## טרעפט

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | | 7 | 6 | 5 | X | | 4 | 3 | 2 | | 1 |
| | X | | | | 10 | X | | | 9 | X | |
| | 14 | X | | | | 13 | | 12 | X | 11 | |
| | | 18 | X | | | | 17 | X | 16 | | 15 |
| | | | 22 | X | | 21 | X | 20 | | | 19 |
| X | | | | 24 | X | | | | 23 | X | |
| X | X | | | | 26 | X | | | | 25 | X |
| 27 | 31 | | 30 | X | | 29 | X | | | | 28 |
| | | 35 | X | 34 | | | 33 | X | | | 32 |
| | 39 | X | 38 | | | | | 37 | X | | 36 |
| | X | 42 | | 41 | X | | | | 40 | X | |
| | | | | | 44 | X | | | | | 43 |

פון רעכטס נאָך לינקס:

1. יידישער שריפטשטעלער.
5. אַ כלי.
9. פויליש זידל-וואָרט.
10. סאָרט פון לעדער.
12. נוצלעך געשיר אונטערוועגנס.
14. וואָס יעדער הונט האָט.
15. דריי די זעלבע בוכשטאַבן.
17. באַרימטער יידישער פילאָזאָף.
18. טרויעריק-באַקאַנטע נאַצי-אָרגאַניזאַציע.
19. וואָס יידן לייענען יעדע וואָך.
21. אַנדערש 40.
22. אַראַבישער הערשער.
23. אַ מגילה.
24. וואָס עס האָט אַן אַלט בגד.
25. ביוראָ אין אַן אַנדערער שפּראַך.
26. יעדעס קינד גייט עס דורך.
28. אַ געטראַנק.
30. האַפן-שטאָט ביים אַראַבישן האַלב-אינדזל.
32. די העכסטע אינסטאַנץ ביי דער ש"ה.
33. אַ סאָרט שטאָף.
35. אַ שטאָט אין ארץ-ישראל.
36. אַ געצייג פון אַ שוסטער.
37. אַנדערש ביוראָ.
39. אַ מאָס.
40. מען געפינט עס אין יעדן פאַרק.
41. וואָס קראַנקע דאַרפן האָבן.
43. וואָס מען טוט, ווען עס בייסט.
44. גוט איז דעם, ווער ס'האָט דאָס איך ווינטער.

פון אויבן נאָך אונטן:

1. מושטאַרדע, אַנדערש.
2. אַ טייל פון די יידישע הייליקע ספרים.
3. זיצט אויבן און פאָרט אונטן.
4. אַ שטוב-כלי.
5. אַנדערש געשעפט.
6. אַ פראַגע.
7. זי פאַרבייט אַ מוטער.
8. בעל-מלאכה.
10. „מכבי" אין אומאָרדענונג.
11. אַ פראַגע.
13. אַ שטאָט אין ארץ-ישראל.
14. יידן האָבן עס געגעבן דער וועלט.
16. אויף וואָס עס זיינען אומגעקומען פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטן.
18. סוף-כל-סוף, אַנדערש.
20. דער קעגנזאַץ פון קאַלט.
22. יידישער פרויען-נאָמען.
24. יעדער טענצער קאָן עס מאַכן.
25. אַ פאָרעם.
26. האַפן, אַנדערש.
27. מען מאַכט עס אין וואַסער.
28. נישט געזונט, אַנדערש.
29. העפלעכקייטס-וואָרט.
31. אַן אָפּקלאַנג, אַנדערש.
33. באַרימטער פילאָזאָף.
34. צושטימונגס-אויסדרוק.
37. אַ הויז-חיה.
38. אַ געגנט פון דייטשלאַנד.
40. אַ קינדערישער אויסדרוק.
42. אַ נאָטע.

הינטער די העצעס און ליגנס . . .




## כ'בין נישט קיין פערד

מען דערציילט, אַז עדיסאָן פלעגט זיך פאַראינטערעסירן מיט יעדער דערשיינונג, און ווען איינמאָל האָט ער באַמערקט, אַז איין הענדלער שטופּט אַ וועגעלע מיט פרוכטן אַנשטאָט דאָס צו שלעפּן, האָט אים עדיסאָן געפרעגט:

— זאָגט מיר, פאַר וואָס שטופּט איר דעם וואָגן אַנשטאָט שלעפּן אים?

— ווייל איך בין נישט קיין פערד! פאַרשטייסט שוין אַלטער שוטה.

## ער זינגט ווי קאַרוזאָ

טשאַרלי טשאַפּלין האָט אַמאָל פאַרבעטן צו זיך געסט. בשעת דער אויפנאַמע האָט ער געזונגען פאַרשידענע אַריעס פון אָפּערעס.

איינער פון די געסט האָט זיך אָפּגערופן:
איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַן אָפּערן-זינגער.

טשאַפּלין האָט אים גלייך דערקלערט: דאָס האָב איך געפּרוווט נאָר נאָכצומאַכן קאַרוזאָן.

## ס'איז לייכטער צו מאַכן

דער גרויסער רוסישער מאָלער רעפּין איז געפאָרן קיין פּאַריז באַטראַכטן די נייע דערפינדונג פון פאָטאָגראַפיע-קונסט.

ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער קאָמפּליצירטער טעכניק פון פאָטאָגראַפירן האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ס'איז דאָך לייכטער אָפּצומאָלן אַ גוטן פּאָרטרעט ווי צו פאָטאָגראַפירן.

אין היטלער'ס פוס-טריט




## פאַרטראַכט זיך

אויפשרייבן 11 ווערטער צו 5 אותיות. די דריטע אותיות פון אויבן אַראָפּ, גיבן דעם נאָמען פון אַ באַרימטער יידישער פּערזענלעכקייט.

די באַדייטונג פון די ווערטער:

1. ענגלאַנד באַנוצט עס קעגן די העפּלה-שיפן.
2. רו אין אַן אַנדערער שפּראַך.
3. אַ הויכע אויסצייכענונג.
4. אַ טייערער שטיין.
5. טרעפט מען פאָרנדיק מיט דער באַן.
6. אַ יידישער שרייבער.
7. אַ טייל פון קערפּער.
8. נישט היינט און נישט נעכטן.
9. אַ לאַנד אויך אַן אַנדערער שפּראַך.
10. אַ חתונה-דאָקומענט.
11. דייטשיש אומקום-אָרט פאַר ווילנער יידן.

ר ע ד א ק צ י ע - ק אָ ל ע ג י ע :
באָזשיקאָווסקי ט., וואַרשאַווסקי י., יאָהאַנעס ב., לערמאַן י., עדעלמאַן מ., קוואַטערקאָ א., קורץ ד., שטערן פ.
פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע: יצחק וואַרשאַווסקי


הילע און צייכענונגען: ש. פאָגעלמאַן

Cena 30 zł.

# „OJFGANG"

MIESIĘCZNIK WYDZ. MŁODZ. CENTR. KOMITETU ŻYDÓW POLSKICH

Warszawa — Łódź 20 grudnia 1947

## אינהאַלט:

דער היסטאָרישער באַגלוס — ה. שנער ● ארץ־ישראל (געאָגראַפישע ידיעות) — י. זילבערשטיין ● די באַטאַליאָן־קאַמפּאַניע און איר קאַמף קעגן פאַשיסטישער קנעכטשאַפט — א. קוציק ● קאַראַל יקותיאל גוטמאַן — ערשטער קאָמענדאַנט פון דער באַטאַליאָן־קאַמפּאַניע — גרשון דוּאַ ● לייטענאַנט גרשון ראָטהאַלץ — ש. וו. ● מענדעלע מוכר ספרים — דער פונדאַמענט־לייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — שלמה לאַסטיק ● דאָס ליד פון די שניטער — רייזל זשיכלינסקי ● דו זאָגסט (ליד) — וו. ה. איוואַן ● בענימק ליפשיץ — מ. בערענשטיין ● טוביה אייזן — פ. בין ● א ליכטיקער נאָמען - י. אָקרוטני ● דעם יידענס פאַרב — אפרים קאַגאַנאָווסקי ● האַרבסט — מענדעלע מוכר ספרים ● די עפּאָכע פון די חשמונאים אין דער יידישער געשיכטע — ב. מאַרק ● דאָס חנוכה־לעמפּל (ליד) — משה קנאַפּהייס ● יידישע קולטור און קונסט געזעלשאַפט — א נייע תקופה אין לעבן פון יידישן ישוב אין פוילן — יצחק וואַרשאַווסקי ● דערציונג ביי דער יידישער יוגנט — חיהקע גראָסמאַן ● מיר דערציען א נייעם דור — א. קוואַטערקאַ ● אונזערע יוגנט־היימען אין לאַנד ● יידן אויפן פעסטיוואַל — פ. זאַווידאָוויטש ● פּאָליטישע נאָטיצן — פישעלע ● שאָמאָץ סאַראַיעוואַ די יוגנט־אייזנבאַן — י. לעכטער ● דער ייִנגסטער פּאַרטיזאַנער — י. גוטערמאַן. ● פון יוגנט־לעבן אין לאַנד. ● אַקאַדעמישע גריזונג. ● ספּאָרט־ביילאַגע. ● הומאָר.

Wydawca: Wydz. Młodz. Centralnego Komitetu Żydów Polskich. Adres Redakcji: „Ojfgang", Warszawa, Sienna 60.
Składano w zecerni „Dos Naje Leben", Łódź, Narutowicza 32. Druk. R. S. W. „Prasa", Łódź, Żwirki 17.